אין יאר 1943, ווען די דייטשן האבן באקומען שטארקע קלעפ פון רעכטס און לינקס האט זיך אין דייטשלאנד געפילט א מאנגל אין שפייז־ארטיקלען, איז איינגעפאלן דעם ס. ס. קאפיטאן פליישמאן א געניאלער געדאנק, וואס נאר א דייטש קען אזעלכעס צוטראכטן. ער האט נישט געקענט צוקוקן ווי די באפעלקערונג שטייט אין די לאנגע רייען צו באקומען די עטלעכע הונדערט גראם פליש.

ווי עס איז גוט באקאנט, זענען די דייטשן א פאלק, וואס האבן פיל פילאסאפן ווי קאנט, העגעל, שאפענהאוער, ניטשע און אנדערע. האט דער ס. ס.־קאפיטאן אויך גענומען פילאסאפירן:

— יידן זענען דאך נישט קיין מענטשן... טא וואס זענען זיי? זענען זיי דאך חיות! קאן מען דאך אויסניצן דאס פליש פון די יידן צו באשפייזן די דייטשן...

אויב מיר, דייטשן, מאכן זיך פון די יידנס פעטס, אבאזשורן צו לאמפן פון יידנס הויט, פון זייערע האר מאכן מיר מאטראצן, טא פאר וואס זאלן מיר נישט אויסנוצן דאס יידן־פליש?...

די אנטראפאלאגיסטן לערנען אונדז, אז דער פרעהיסטארישער מענטש מיט א הונדערט טויזנט יאר צוריק, איז דאך אויך געווען א קאניבאל, איינער האט אויפגעגעסן דעם צווייטן... איז דען עמיצער פון דעם סארט קאניבאליזם געשטארבן? אין ערגעץ געפינט מען נישט אזעלכעס... — אזוי האט פילאסאפירט קאפיטאן האנס פאן פליישמאן און ער איז איבערגעגאנגען פון פילאסאפיע צו פראקטישע מעשים: ער איז געפארן אין א קאנצענטראציע־לאגער, אפגעקליבן עטלעכע הונדערט יידן, זיי איזאלירט אין א ספעציעלן באראק אויף א גוטע דיעטע פון ברויט מיט קארטאפל.

און עס האט נישט לאנג געדויערט, די יידן האבן זיך גוט פאפראוועט, האט דער ס. ס.־קאפיטאן די יידן אריבערגעפירט קיין מינכען אין — שעכט־הויז.

די דייטשישע קצבים האבן, לויט זייער געוווינהייט, געטויט די יידן. זייער פליש צעמאלן און ארייגעלייגט אין פעסער, דאס געזאלצן און געפעפערט, און באהאלטן אין פרידזשידערס...

די קצבים, וואס האבן אדורכגעפירט דאס שטיקל ארבעט, האט מען גלייך אוועקגעשיקט אויפן רוסישן פראנט. די זענען שוין פון דארטן קיין מאל נישט צוריקגעקומען...

שפעטער, נאך א קורצער צייט, זענען אין מינכענער שעכט־הויז אנגעקומען אנדערע קצבים און זיי האבן, ווי געוויינטלעך, געקוילעט עטלעכע בהמות און דאס פליש צעמאלט און דאס אויסגעמישט מיט דעם שוין צעמאלענעם יידן־פליש פון די פעסער.

די ניי־געקומענע קצבים האבן דאך נישט געוווסט פון וואנען עס שטאמט דאס שוין געזאלצענע און געפעפערטע פליש פון די פעסער...

אין א שיינעם טאג זענען די מינכענער פליש־געשעפטן איבערגעפולט געווארן מיט פריש געמאלן פליש, ווורשטן און אנדערע פליש־פראדוקטן... די מינכענער דייטשן האבן געפראוועט באנקעטן און די טישן זענען געווען געדעקט מיט געשמאקע קאטלעטן און ווורשטן פון געמישטן רינדערן און יידן־פליש...

דער פראקטישער און פילאסאפישער קאפיטאן האנס פאן־פליישמאן איז פארשוווּנדן און... דא מוחל דער מחבר, וואס איז איבערציגט, אז אין נאצי־דייטשלאנד איז אלץ מעגלעך, בעטן דעם לייענער אים מוחל זיין פארן איבעררייסן די טראגישע דערציילונג ווייל עס איז אים אליין נישט גוט געווארן...

## ש. בענעט

# לאקאלע קאמענטארן

א דייטשער פראפעסאר, וועלכער גאסטראלירט איצט אין נאציאנאלן אוניווערסיטעט אין קאנבערא וויל רייניוואשן היטלערן, אז ער האט נישט באפוילן אומצוברענגען 6 מיליאן יידן. דער פראפעסאר זאגט, אז דאס האבן געטאן הימלער, היידריך, אייכמאן, די געסטאפא און ס.ס.־לייט.

פראפעסאר האנס מאמען פון היידעלבערגער אוניווערסיטעט וועלכער פארנעמט זיך מיט פארשן די נאצי־עפאכע, האט פאר דער אויסטראלישער פרעסע דערקלערט, אז לויט דער עווידענץ וואס ער האט געפארשט, קומט אויס, אז היטלער האט נישט געגעבן קיין שריפטלעכן באפעל צו דער „ענדליזונג", אבער הימלער, אלס פירער פון ס.ס. האט עס אויסגעפירט. ער איז פאראנטווארטלעך פאר דעם „האלאקאוסט".

דער דייטשער פראפעסאר האלט אז היטלער האט זיך

ל. אַלשינאַ

# אַ מאַקאַברישע דערציילונג

נישט לאַנג צוריק האָט זיך אין אויסטראַליע געטומלט מיט אַ סקאַנדאַל און שווינדל וועגן פלייש: זשוליקעס און אַפּעריסטן האָבן געשיקט קיין אַמעריקע רינדערן־פלייש געמישט מיט קאַנגאַרו־ און פערד־פלייש. און די אַמעריקאַנער האָבן, נעבעך, געגעסן סטייקס און קאָטלעטן פון פערד און קאַנקאַרו־פלייש אַנשטאָט פון רינדערן־פלייש.

עס שרייבט זיך נישט אין די צייטונגען צי דאָס האָט עמיצן, חלילה, פון די אַמעריקאַנער געשאַדט צום געזונט? אַ שפּריכוואָרט זאָגט אָבער, אַז דאָס קריגל טראָגט אַזוי לאַנג וואַסער ביז דאָס אויערל רייסט זיך אָפּ. קורץ און גוט: מ׳האָט די שווינדלער אויפגעדעקט און די שולדיקע וועלן גיין אין „חד־גדיא" און די ביזנעס וועלן ווייטער גיין...

אין יאָר 1943 בין איך געווען אין רוסלאַנד, ווו איך האָב „שטודירט" גאַנצע 8 יאָר אין איינעם פון די גולאַג־„אוניווערסיטעטן". איך בין געווען אין איין בריגאַדע מיט אַן אוקראַינער מיטן נאָמען זיטשענקאָ, דווקא אַ פיינער מענטש, איך קען זאָגן אַ זעלטן אַנשטענדיקער פאַרשוין. ער איז נישט געווען קיין אַנטיסעמיט.

איך געדענק אים, דעם זיטשענקאָ, זייער גוט, ווייל נישט איין מאָל האָט ער מיר געהאָלפן ביי שווערע אַרבעט און געשטאַנען אויף מיין זייט, ווען אַנדערע אוקראַינער און רוסן האָבן געוויזן זייערע אַנטיסעמיטישע „פּרינציפּן".

ווי געווייינטלעך, פרעגט איין „זעק" („זאַקלוטשאָני" — פאַרשלאָסענער) דעם אַנדערן פאַר וואָס ער זיצט. האָט מיך זיטשענקאָ געפרעגט פאַר וואָס איך זיץ?

— קאָנטער־רעוואָלוציע, 8 יאָר — האָב איך געענטפערט.

— און דו, פאַר וואָס זיצטו ? — האָב איך אים געפרעגט.

— שפּעקולאַציע 10 יאָר — איז געווען זיין ענטפער.

— בבא־מעשיות — זאָג איך — זאָג בעסער דעם אמת. פאַר שפּעקולאַציע גיט מען 3־5 יאָר. מסתמא האָסטו געהאַנדלט מיט גאָלד, אָדער וואַלוטע?

— טשודאַק טי — זאָגט זיטשענקאָ — פאַר האַנדלען מיט גאָלד אָדער וואַלוטע האָט מען געגעבן „שליאַפּקע"... (אַ קויל אין קאָפּ).

— שפּעקולאַציע צו שפּעקולאַציע איז נישט גלייך, דאָס ווייס איך. טאָ פאַר וואָס האָט מען דיר געגעבן אַ „קאַטיושקע"? שעם זיך נישט זאָג דעם אמת — שטיי איך צו אים צו.

איך האָב געהאַנדלט מיט קאָטלעטן — זאָגט זיטשענקאָ.

— מסתמא האָסטו געהאַנדלט מיט גאָלדענע קאָטלעטן — זאָג איך.

— דו פאַרשטייסט גאָר נישט אין וואָס דאָ גייט — זאָגט זיטשענקאָ — איך האָב נישט געהאַנדלט מיט קאָטלעטן פון רינדערן אָדער חזיר־פלייש. איך האָב געהאַנדלט מיט קאָטלעטן פון מענטשן־פלייש.

און זיטשענקאָ האָט מיר דערציילט אַ גאָר אינטערעסאַנטע מעשה, וואָס קען פּאַסירן אָדער אין אַפריקאַנער דזשונגל, אָדער אין דער טאָטאַליטאַרער, „ציוויליזירטער" מלוכה ווו דער תכשיט סטאַלין האָט געוועלטיקט.

— מסתמא ווייסטו — דערציילט, מיר זיטשענקאָ — אַז אין 1933 איז געווען אין אוקראַינע, און נישט נאָר אין אוקראַינע, אַ שרעקלעכער הונגער אַלס רעזולטאַט פון אונדזער באַליבטן און קלוגן פירער סטאַלינס געצוווּנגענער קאָלעקטיוויזאַציע. צען מיליאָן אוקראַינער און רוסן זענען געשטאָרבן פון הונגער. טויטע אויסגעדאַרטע קערפּערס האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן אין די טויזנטער. האָבן צוויי פּיפּיקע מיינע באַקאַנטע באַשלאָסן, אַז פון די טויטע, אויסגעדאַרטע קערפּערס קען מען מאַכן „לעבעדיקע" געלט. האָבן זיי אַריינגעשלעפּט אין זייער וווינונג אַן „אומערלאַק", וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין דער גאַס, אויסגעשניטן דאָס ביסל פלייש וואָס איז נאָך אויף אים געבליבן, צעמאָלן, געזאַלצן און געפעפערט און געפּרעגלט דערפון קאָטלעטן. אין דעם מסחר האָבן זיי מיך אויך אַריינגעשלעפּט און איך האָב פאַרקויפט אויפן באַזאַר די קאָטלעטן פון מענטשן־פלייש, זאָגנדיק אַז דאָס איז קאָטלעטן פון פערד־פלייש.

דער אויסגעהונגערטער עולם האָט געקויפט די קאָטלעטן און געלעקט די פינגער ביז... די מיליציע האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די קאָטלעטן און אַרעסטירט אונדז אַלע דריי. דאָס הייסט די צוויי „קצבים" און מיך. די „קצבים" האָבן טאַקע באַקומען „שליאַפּקע" — אַ קויל אין קאָפּ — פאַר קאַניבאַליזם און מיר האָט דער פּראָקוראָר געגעבן אַ „קאַטיושקע" פאַר שפּעקולאַציע. גלויב מיר, לאַנקאָ, אַז איך ווייס אַפילו נישט דעם טעם פון מענטשן־פלייש, אָבער מענטשן, וואָס האָבן געגעסן, האָבן געזאָגט, אַז קאָטלעטן פון חזיר־פלייש זענען בעסער. זיי אַנטלויפן. זי וועט אַפילו נישט עלטער ווערן, אָבער מיר... מיר קאָנען אפשר פאַרשפּעטיקן...

אין אים האָבן גענומען אויפשטייגן אַנדערע פאַרלאַנגען, אָנגערעגט דורך אַ באַוווּסטזיין, וועלכן ער האָט נישט געקאָנט באַהערשן.

דער שמייכל פון רעזיגנאַציע — דאָס איז געווען דער שמייכל פון שאָך־שפּילער וואָס האָט זיך געראַנגלט און האָט פאַרט דערזען, אַז זיין קעניג איז אַרומגערינגלט...

צו זיך האָט ער אַ זאָג געטאָן, שוין אייגנטלעך אָן שום ציל, סתם אַזוי, מחמת קיינער האָט דאָך פון אים נישט פאַרלאַנגט קיין אויפקלערונג:

— די נאַטור האָט ווידער געוווּנען...

מיט לייכטע טריט האָט ער זיך געלאָזט גיין צו דער קאַנאַפּע, ווו עליזאַ איז נאָך אַלץ געזעסן מיט דער ברענדי גלאָז, און אויסצורייזן אַ וואָרט, בלויז מיט פאַרנעפּלטע אויגן נאָכגעפאָלגט זיין יעדע באַוועגונג.

זיך מיט קיינעם נישט טיילן מיט דער גלאָריע פֿון זײַן טריאומפֿאַלן זיג.

די נאַטור — ווי אַ פֿרוי — האָט עריך ספּאַרק זיך פֿאַרגונען אַ זײַטיקן געדאַנק — ווײַל נישט אָפּגעבן איר לעצטן סוד, וואָס גיט איר דעם צוױבער פֿון װעלן דעראָבערט ווערן. ווי לאַנג עס איז סוד, האַלט אָן די שפּאַנונג פֿון ווען דעם סוד דעראָבערן.

און עריך ספּאַרק האָט גערעדט צום שפּיגל פֿון דער צײַט זײַער פּשוטע ווערטער:

— אָט זע איך — דער מענטש. קוק אויף מיר. אַנאַליזיר: ווי אַן אוגערקע, לאָמיר זאָגן — באַשטיי איך פֿון אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל פּראָצענט וואַסער; אַ פּאָר פּראָצענט דאָרטן — אײַזן, קאַלך, יאָד און אַנדערע מינעראַלן, אָדער כעמיקאַלן. דאָס אײגנטלעך ווײסן מיר שוין. נאָר ווו ליגט פֿאַרבאָרגן דער סוד וואָס שטעקט אין דעם מענטשן?

וואָרעם עריך ספּאַרק, ווי אַ וויסנשאַפֿטלער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ווען ער וועט צענעמען דעם מענטשנס אינטעלעקט, ווי מען האָט צענומען דעם אַטאָם, אָט דעמאָלט וועט ער קאָנען טריאומפֿירן איבער דער נאַטור און טאַקע איבער זיך אַליין. ער וועט דאַן קאָנען קאָנטראָלירן דעם מעכאַניזם — דעם אײגענעם איך.

ווײַל דער מענטש איז שפּיגל — דאָס איז דאָך ער אַליין — דער פֿאָרשער עריך ספּאַרק.

★

אין קאַבינעט נעמט טונקלען. אויף דער קאַנאַפּע דרימלט די קאַץ. די לעצטע שטראַלן פֿון טאָג ברעכן זיך אין קאַראַף פֿון ברענדי.

זײַן געדאַנק, פֿון יאָרנלאַנגער סכאָלאַסטישער אָנשטרענגונג, האָט זיך באַמיט אָנטקעגנצושטעלן זײַטיקע נייגונגען, וועלכע שטערן. דער געדאַנק האָט אָבער נישט געקאָנט אָפּהאַלטן זײַן האַנט פֿון אָנפֿילן די ברענדי גלאָז מיט דער בורשטינענער פֿליסיקייט. זײַן געדאַנק האָט געמאַכט קאָמפּראָמיסן מיטן אינטעלעקט.

מיט לאַנגזאַמע טריט איז ער צוריק געקומען צום שרײַב־טיש און ווידער גענומען אַנוואַרפֿן די געדאַנקען אויפֿן פּאַפּיר — נאָכן קלײנעם איבעררײַס. זיי וועלן אים דינען ווי מאַטעריאַלן פֿאַר דער פֿאַרטראַכטער טעזע.

די באַדערפֿעניש צו פֿאַרמעסטן זיך מיט דער נאַטור האָט אָנגעצויגן זײַנע געהירן ווי אַ בויגן, וואָס האָבן פֿון גוואַלדיקער שפּאַנונג גענומען וויברירן.

— צו וואָס קלאָמערסטו זיך אַזוי שטאַרק אין דעם כּוח צו מאַניפּולירן דעם מענטש? — האָט ער גערעדט צו דער נאַטור, ווײַל פֿאַר אים איז זי געווען עפּעס לעבעדיקס און שכלדיק און דעריבער האָט ער איר געשטעלט פֿראַגן.

נישט וואַרטנדיק אויף אַ תּשובֿה, האָט ער צו איר ווײַטער געטענהט:

— מיר האָבן מיט דיר שלום געמאַכט, אָ, יאָ! אָבער נישט עריך ספּאַרק, כּדי צו באַפֿרײַען זײַער געוויסן פֿון דער אָנשטרענגונג צו אָנטפּלעקן דיך, האָבן זיי באַצײַטנס קאַפּיטולירט, דורך באַנוצן זיך מיט אַ טעאָריע: דאָס קאָנסטרוקטיווע און דעסטרוקטיווע האָבן זיך פֿאַרקליבן אין מענטשן און די קעמפֿן צווישן זיך. דאָס קלינגט אײַנדרוקספֿול. ספּעציעל ווען מען גיט צו אַז — גאָט האָט אַזוי באַפֿוילן...

ווען עליזאַ איז אַריין אין קאַבינעט פֿון עריך ספּאַרק, איז ער געזעסן איבערן פּאַפּיר און מיט אַ פֿיבערדיקער האַנט נאָכגעיאָגט די געדאַנקען, וואָס האָבן זיך געריסן אין דרויסן אַרויס.

זי האָט געדרישלאָז אָנגעפֿילט איר ברענדי גלאָז, און זיך צוגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע.

נאָכן דורכפֿירן אירע פֿינגער איבער דער ווייכער פֿעל פֿון דער דרימלדיקער קאַץ, האָבן גענומען לויפֿן עלעקטרישע שטראָמען, וועלכע האָבן איר סטימולירט. איר פֿאַספּאַריזירטער בליק האָט אַבסאָרבירט דעם טעמפּאָ פֿון זײַן אַרבעט.

זי האָט גענומען אויספּרובירן איר רעאַקציע, בלויז דורך דעם, וואָס זי געפֿינט זיך דאָ אין צימער; בלויז דורך זיצן אויף דער קאַנאַפּע און גלעטן די קאַץ.

די עלעקטרישע שפּאַנונג פֿון אירע פֿינגער־באַוועגונגען איבערן פֿעל פֿון דער קאַץ האָט אַרויסגעפֿינקלט פֿון אירע אויגן, וועלכע זענען געווען אָנגעשטעלט אויף איין פּונקט.

עריך ספּאַרק האָט פֿאַרהאַלטן דאָס פֿאַרצייכענען זײַנע געדאַנקען, כאָטש דער שטראָם פֿון זײַער פֿליסן האָט נאָך אַלץ געהאַט אין זיך די טרײַב־קראַפֿט פֿון אַ וואַסערפֿאַל.

— די נאַטור שטעלט אַ ווידערשטאַנד — האָט ער שמייכלענדיק געטראַכט, פֿילנדיק, אַז אָט, אָט וועט ער דערגרייכן דעם שווער־פּונקט פֿון איר איבערהאַנט איבער אים.

אָן שום באַדערפֿעניש, האָט ער אויף אַ רגע אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ.

אין דער טונקלקייט פֿון צימער האָבן אויף אים געקוקט צוויי גליענדע קוילן. דער לויכטנדיקער בליק האָט געגרופֿן און געצויבערט.

דאָס געפֿיל איז אים נישט פֿרעמד געווען.

דער בליק האָט אָנגעצונדן אַ פֿאַרבאָרגן ליכט אין מוח, וואָס האָט אַרויסגעשיקט אַ סיגנאַל צום געהעריקן פּונקט:

— אויף דער קאַנאַפּע זיצט עליזאַ און זי וואַרט.

עריך ספּאַרק האָט אַוועקגעלייגט די פֿעדער. אין דער ברענדי גלאָז זענען נאָך געבליבן עטלעכע טראָפּנס. ער האָט זיי אַראָפּגעשלונגען. — אַ מענטש מיט דערפֿאַרונג — האָט ער צו זיך, ווי אַ פֿאַרענטפֿערונג אַ זאָג געטאָן, — וואָלט געדאַרפֿט קאָנען רעגולירן אָט די אימפּולסן, און נישט לאָזן איבעררײַסן דעם שעפֿערישן געדאַנק...

אָבער אין דער זעלבער רגע האָט ער אויך געטראַכט:

— אייגנטלעך וועט די נאַטור מיט אירע סודות נישט

מאַרק בעזובני

# דער פאַרמעסט...

(דערציילונג)

„נאָך דעם, ווי דער מענטש האָט אַרויסגעריסן בײַ דער נאַטור אײנעם פון אירע טיף פאַרבאָרגענע סודות, וועלכן זי האָט אײפעריק אָפּגעהיט און געשפּאָלטן דעם אַטאָם — האָט ער דורך דעם באַקומען אין זײַנע הענט אַ מעכטיקן כּוח: אַ קוואַל פון אומבאַגרענעצטער ענערגיע, וועלכע איז נײטיק פאַר אײפהאַלטן די עצם עקזיסטענץ פון דער מענטשהײט. אָבער צוזאַמען מיט דעם, האָט ער באַקומען אין זײַנע הענט די צעשטערערישע קראַפט, וואָס קאָן חרוב מאַכן די וועלט.

דער מענטש האָט זיך געגרויסט מיט זײַן אויפטו. ער האָט געיובלט. ער האָט באַטראַכט זײַן דור (ער האָט אַפילו געפּועלט בײַ זיך צוצוגעבן: זײַן יאָרהונדערט) ווי דעם סאַמע וויכטיקסטן אין דער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט, טעכניק, מעדיצין — אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײט".

דאָס איז געווען דער אַרײַנפיר צו עריק ספּאַרקס טעזע, וועלכע ער האָט זיך פאַרנומען צו אַנטוויקלען.

אָבער אַ ווײַלע שפּעטער, נאָך דעם ווי דער אַראָמאַט פון זעלבסט־צופרידענער שיכּרות האָט זיך אויפגעלייזט אין דער אַטמאָספער, און דער ניכטערער געדאַנק האָט אַרײַנגעבליקט אין שפּיגל פון נעכטן, וווּ ער האָט דערוואַרט צו זען דעם מאָרגן — האָט דער מענטש דערזען דאָס, וואָס מען זעט געוויינטלעך אין אַ שפּיגל, נאָך אַ נאַכט פון עקזאַלטאַציע.

— אַ מידן מענטשן, מיט עטוואָס גרויע האָר, בײַ די שלייפן; קישעלעך אונטער די אויגן; אַ פּנים וואָס בענקט נאָך דער באַרירונג פון דעם גאָל־מעסער; פון אָפּגע־שפּריצט ווערן מיט אַביסל קעלניש וואַסער, וואָס זאָל אויפמונטערן און אָפּפרישן די צעקנייטשטע הויט, וואָס הויבט אָן באַקומען דעם אָנבליק פון פאַרמעט.

ער האָט דערזען — הייסט עס — אין שפּיגל דעם זיך אַליין — וואָס אין מיליאָנען פאַרשריבענע בלעטער פון יאָרטויזנטער, ווערט ער באַצייכנט מיט פינף בוכשטאַבן: מענטש.

נאָך דער דאָזיקער אָפּשפּיגלונג, וועלכע איז פאַר אים געשטאַנען אויג אויף אויג, האָט זיך דער פאָרשער עריק ספּאַרק געכאַפּט, אַז דער זיג איבער דער נאַטור איז גע־ווען בלויז אַ סטראַטעגישער מאַנעוור פון דער נאַטור גופא. זי האָט אָפּגעטראָטן אַ פּיצל פון איר טעריטאָריע. זי האָט אָפּגעגעבן עפּעס, וואָס זי וואָלט סוף כּל סוף סײַ ווי געמוזט אויפגעבן, מחמת זי האָט שוין געזען וווּהין עס פירט דאָס ביז אַהעריקע רײַסן זיך פון דער וויסנשאַפט.

— און אפשר האָט זי עס געטאָן צוליב קוריאָזיטעט, מחמת די נאַטור אַליין איז אויך נישט פרײַ פון שוואַכקייטן — איז אײַנגעפאַלן עריק ספּאַרקן — אפשר איז עס פאַר איר געווען אַ בײַזאַך.

— נאַדיר דעם סוד!

קען זײַן: דער נאַטור אַליין איז געווען טשיקאַווע צו וויסן:

— וועט דער מענטש צוליב זײַן דערגרייכונג באַקומען אַ מער ניכטערן בליק אויף דער רעאַליטעט, און שכלדי־קער אָרגאַניזירן זײַן לעבן, אָדער: ער וועט פון זײַן אויפטו אויספלעכטן אַ שטריק, זיך אַליין אומצוברענגען?

דער פאָרשער עריך ספּאַרק האָט מיט פאַרגאַפטן בליק געקוקט אויף דער שפּיגלדיקער פלאַך, אָבער באַלד האָט ער באַנומען, אַז זײַן געדאַנק נעמט זען קלאָרער, ווי זײַנע אויגן.

ער האָט דערזען די ביטערע שפּיל פון דער נאַטור, וואָס פּרובירט אַראָפּפירן דעם מענטשן פון זײַן וועג, אויף וועלכן ער האָט זיך פאַרנומען כּדי צו דערגרייכן די צילן, אויף וועלכע ער האָט זיך גאָר פון אָנהייב פאַרמאָסטן.

אין דעם אויגנבליק האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט געכאַפּט דער נאַטור בײַ דער האַנט, ווי זי שטעלט אומישנע איבער די וועג־צייכנס. — איז עס אַ קאַטאַוועס אַזאַ — האָט עריך ספּאַרק געוואָלט פאַרשטיין — אָדער אַ ראַפינירטער גאַנג פון אַ געניטן שאַך־שפּילער וואָס ווייס, אַז כאָטש גאָר צום סוף וועט ער די פּאַרטיי פאַרשפּילן. דערווײַל אָבער, געווינענדיק צײַט — געווינט ער די אילוזיע פון געפינען אַן אויסוועג פון אַ סיטואַציע — אָן אַן אויסוועג.

די נאַטור — זעט אויס — וויל אײַנהאַלטן איר הע־געמאָניע. זי קען דעם כאַראַקטער פון געווינער: ער וויל

טעווען מיט אַלע מיטלען. די זענען געשפּרונגען פון די אויטאָס, אָבער עס איז נישט געווען וווּהין צו אַנטלויפן. דערבײַ זענען פיל אויטאָס אַרויף אײנער אויפן צווייטן. טייל האָבן אָנגעהויבן ברענען און אויפרײַסן, איך האָב שוין אויסגעלײדיקט אין מאַגאַזין פון מײַן אויטאָמאַט, שנעל אַרײַנגעזעצט אַ צווייטן. ווי אויפן הימל האָט זיך באַוויזן אַ גרינע ראַקעטע. דאָס איז געווען אַ צייכן אָפּצו־שטעלן דאָס פײַער. דאָס בילד וואָס מיר האָבן געזען איז שווער צו פאַרגעסן. מיר האָבן אַראָפּגעקוקט פון באַרג און ווי ווײַט דאָס אויג האָט געגרייכט האָבן מיר געזען צעשמעטערטע מיליטערישע אויטאָס; פיל דערהרגעטע דײַטשן.

דער באַטאַליאָן האָט זיך צוריקגעקערט אין זעלבן דאָרף וווּ מיר זענען געשטאַנען.

ווען דער שטורעם האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּזעצן, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן שוואַרצע גרודעס ערד. דעמאָלט איז געקומען אַ באַפעל: פאַנאַנדערצולאָזן דעם נאַרטן־באַטאַליאָן.

מיר זענען געוואָרן צוגעטיילט צו אַ ראַדיאָ־טעלעפאָן באַטאַליאָן בײַם שטאַב פון דער ערשטער פּוילישער אַרמיי. צוזאַמען האָבן מיר דערלעבט אַרײַנמאַרשירן קיין בערלין, און דערלעבט די נקמה אין די היטלעריסטישע מערדער.

אַז כ'וועל זיך פֿאַרקילן און קריגן הויכע טעמפּעראַטור. אַזוי, אַז איך וועל באַפֿרייט ווערן אויף אַ צוויי טעג פֿון די שווערע איבונגען. אָבער מען איז געווען שטאַרקער פֿון אײַזן. עס האָט גאָרנישט פּאַסירט.

איינמאָל בין איך באַשטימט געוואָרן צו שטיין אויף דער וואַך, צו היטן דעם איינציקן ברונעם. געזאָגט האָט מען, אַז די דײַטשן לאָזן אַראָפּ דעסאַנטן און פֿאַרסמען די ברונימער. אַנגעטאָן אין אַ שווערן, וואַרעמען פּעלץ, פֿאַרטערן היטל און פֿוטערנע הענטשקעס, האָב איך געדאַרפֿט שטיין צוליבן פֿראָסט נאָר 4 שעה. די לופֿט האָט געמאַכט זייער הונגעריק. ביי אַ פֿויערטע האָב איך איינגעהאַנדלט אַ קיילעכדיק גרויס ברויט און אַ שפּאָר ביסל קאַרטאָפֿל. דאָס אַלץ האָב איך אויפֿגעגעסן מיט איין מאָל, און נאָך אַלץ געווען הונגעריק.

איינמאָל, שטייענדיק ביי נאַכט אויף דער וואַך פֿאַר דער כאַטע פֿון קאָמענדאַנט פֿון באַטאַליאָן, הער איך פֿאָרן אַ שליטן מיט גלעקעלעך. דער שליטן האָט זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר דער כאַטע און עס האָט זיך דערנעענטערט דער קאָמענדאַנט. איך האָב אויסגעשריגן: האַלט! שטיין בלייבן. גיב דעם פּאַסוואָרט, און אָנגעשטעלט אויף אים דעם אויטאָמאַט. ער האָט גענומען שרייען, אַז ער וועט מיך אָנלערנען פֿאַר נישט אַדורכלאָזן דעם קאָמענדאַנט צו זיך אין שטוב אַריין. צום סוף האָט ער געזאָגט דאָס וואָרט, און אַריין צו זיך אין כאַטע.

צומאָרגנס, אַזוי ווי יעדן אין דער פֿרי פֿאַרן פֿרישטיק, איז דער גאַנצער באַטאַליאָן געווען אויסגעשטעלט אויפֿן פּלאַץ אין מיטן דאָרף, און דער קאָמענדאַנט האָט אָפּגענומען דעם ראַפּאָרט פֿון טאָג.

מיטאַמאָל, מען רופֿט אויס: דער שיסער אַרטענשטיין זאָל אַרויסטרעטן! איך האָב זיך דערשראָקן. מסתמא גייט דער קאָמענדאַנט זיך מיט מיר אָפּרעכענען פֿאַר נישט אַדורכלאָזן אים אָן אַ „האַסלע”, אָבער דאָ, הער איך ווי דער פֿאַרטרעטער לייענט אויס, אַז דער זעלנער אַרטענשטיין ווערט אויסגעצייכנט, פֿאַר אויספֿירן זיין דינסט מוסטערהאַפֿט, שטייענדיק אויף וואַרטע. ער קריגט איין בענדל.

נאָך עטלעכע וואָכן אינטענסיווע איבונגען האָט מען זיך גענומען צוגרייטן צום קאַמף. לאַנג איז נישט אויסגעקומען צו וואַרטן. די קאַנאָנאַדע פֿון דער אַרטילעריע האָט מען שוין געהערט גאַנץ דײַטלעך ביי אונדז אין דאָרף.

אין אַ זונטיק, ווען מיר זענען געווען פֿריי, האָב איך געהאַט אַ שמועס מיטן זעלנער גראָס. איך האָב אים געפֿרעגט, וואָס האָט אים באַוויגן, ביי זיין יונגן עלטער צו גיין קעמפֿן אויפֿן פֿראָנט. האָט ער מיר געענטפֿערט, אַז דאָס וואָס ער האָט געהערט וועגן די מערדעריייען פֿון די נאַציס איבער ייִדן, האָט אים געטריבן אין מיליטער אַריין. ער וויל נקמה נעמען פֿאַרן פֿאַרגאָסענעם בלוט פֿון זיינע נאָענטע און פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. זיינע עלטערן זענען געווען מיטאיינגעטימער פֿון די נאַפֿט־גרובן אין דראָהאָביטש (פּוילן). אַנטלאָפֿן פֿון פּוילן איז ער צוזאַמען מיט עטלעכע יוגנטלעכע, וועלכע זענען אומגעקומען אין אַ לאַגער ערגעץ־ווו אין סיביר.

איין נאַכט, אין מיטן בעסטן שלאָף וועקט מען אונדז. מען מוז שוין אַנטלויפֿן ווייל די דײַטשן גריפֿן אָן.

אין פֿאַרמאַציעס צו צוויי אין אַ ריי האָבן מיר זיך אַריינגעלאָזט אין די וועלדער. אַ האַלבע לבנה איז אַרויסגעקראָכן פֿון די וואָלקנס, דאָס האָט פֿאַרלייכטערט דאָס פֿאָרן אויף די נאַרטן.

די לופֿט איז געווען קאַלט און פֿריש, אָבער אונדז איז געווען היס פֿון באַוועגן זיך. נאָך עטלעכע שעה פֿאָרן האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, שנעל האָט זיך פֿאַרשפּרייט די נייעס, אַז מיר געפֿינען זיך טיף אויף דער דײַטשער זייט.

דער באַטאַליאָן האָט זיך געגרייט צום קאַמף, מיר זענען אַצינד ווי אַ מיליטערישע פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונג. דורך דער ראַדיאָ אָפּטיילונג האָבן מיר זיך פֿאַרשטענדיקט מיטן שטאַב פֿון דער אַרמיי.

מיט אונדזערע קורצע העקלעך האָבן מיר אָנגעהאַקט צווייגן און מיר האָבן געמאַכט שאַלאַשן (ביידלעך) מיר האָבן זיך געלייגט איבערשלאָפֿן, כאָטש עטלעכע שעה.

געפֿונען האָבן מיר זיך טיף אין די ווייסרוסישע וועלדער, אַרום סמאָלענסק.

אינדערפֿרי האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז מיר גרייטן אָן איבערפֿאַל אויף אַ גרויסער מיליטערישער קאָלומנע. די קאָלומנע ווערט דערוואַרט אין אַ פּאָר שעה אַרום. מיר זענען געוואָרן פֿאַנאַנדערגעטיילט אין צוויי גרופּן. נאָכן אָפּפֿאָרן אַ צענדליק קילאָמעטער זענען מיר צוגעקומען צו אַ שאָסיי וועלכער האָט געפֿירט קיין סמאָלענסק, צום פֿראָנט. מיר האָבן אויסגעקליבן אָן אָרט, וווּ דער שאָסיי האָט זיך געפֿונען אין טאָל און מיר זענען געווען פֿון ביידע זייטן שאָסיי, אויפֿן באַרג. מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אויף אַ שטרעקע פֿון עטלעכע הונדערט מעטער. דער באַפֿעל איז געווען: פֿאַרהאַלטן זיך שטיל, נישט רעדן, נישט רויכערן. גרינג צו זאָגן. דער קערפּער, די פֿיס, ווערן אַדורכגענומען מיט קעלט. און מען טאָר זיך נישט באַוועגן. דער באַפֿעל איז געווען, אַז ביז עס וועט זיך נישט באַווייזן אַ רויטע ראַקעטע, זאָל זיך קיינער נישט דערוועגן עפֿענען פֿייער.

ענדלעך האָט מען געהערט דעם גערויש פֿון דער דערוואַרטער קאָלומנע, זי האָט זיך לאַנגזאַם דערנענטערט צו אונדזער אָפּשניט. געווען זענען דאָרט צענדליקער לאַסט־אויטאָס מיט דײַטשיש מיליטער. אויף יעדן אויטאָ איז געווען אַ מאַשין געווער. אַט זענען די שוין דאָ ביי אונדז און מען זעט נישט קיין צייכן פֿון אַ ראַקעטע. די האַנט האָט געביסן צו עפֿענען פֿייער אויף די רוצחים. מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ רויטע ראַקעטע, און פּונקט ווי דער הימל וואָלט זיך געעפֿנט האָט דער גאַנצער באַטאַליאָן מיט איינמאָל געעפֿנט אַ שרעקלעך פֿייער פֿון ביידע זייטן.

צווישן די דײַטשן איז אויסגעבראָכן אַ געוואַלדיקע צעמישונג. יעדער איינער פֿון זיי האָט זיך באַמיט צו ראַ־

## נ. אַרטענשטיין

# דער נאַרטן־באַטאַליאָן

### (זכרונות)

אין אַ קריג נעמען אָנטייל פאַרשידענע מיליטער־פאַרמאַציעס ווי פוסגייער, אַרטילעריע, טאַנקען, אָבער וועגן אַ נאַרטן־באַטאַליאָן, וווּ יידן האָבן געדינט, איז ווייניק באַקאַנט.

די אויפגאַבע פון אַזאַ באַטאַליאָן איז אַדורכצוריסן זיך דורך די פאָדערשטע ליניעס פון שונא און דורכפירן דיווערסיע אַקטן אין אַזעלכע ערטער ווו עס איז שווער צוצוקומען מיט אַ נאָרמאַלן וועג אין טיפע שנייען; בערג; וועלדער.

דער נאַרטן באַטאַליאָן איז געשאַפן געוואָרן סוף נאָוועמבער 1943 הינטער סמאָלענסק, ווייסרוסלאַנד.

דער באַטאַליאָן איז באַשטאַנען פון 250 מענטשן צווישן זיי — 4 יידן.

די ערשטע פוילישע דיוויזיע אויפן נאָמען קאָשטשושקאָ, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן הינטער מאָסקווע, ביי ריאַזאַן אין 1943, איז געוואָרפן געוואָרן אין קאַמף קעגן די נאַצישע רוצחים אין לעניגאָ, הינטער סמאָלענסק.

נאָכן איינעמען לעניגאָ, וואָס האָט געהאַט אַ סטראַטעגישן ווערט, האָט זיך די דיוויזיע צוריקגעצויגן. זייער אָרט האָט פאַרנומען אַ רוסישע דיוויזיע.

וויפל יידן עס האָבן זיך געפונען אין דער דיוויזיע איז מיר נישט באַקאַנט, אָבער מען האָט זי גערופן: די יידישע דיוויזיע. מסתמא זענען דאָרט געווען פיל יידן.

נאָכן צוריקציען זיך אַ 6־7 קילאָמעטער פון פראָנט האָט מען אויסגעשטעלט די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון די צעקלאַפטע קאָמפּאַניעס און יעדער האָט זיך געקענט אויסקלייבן ביי וואָס פאַר אַן איינהייט ער וויל דינען, ווי פוסגייער, טאַנקען, אַרטילעריע, סאַפּערן, לופט־פלאָט, ווי אויך אין נאַרטן באַטאַליאָן.

קיין סך בעלנים צו גיין אין אַ נאַרטן באַטאַליאָן, זענען נישט געווען, מען האָט געזאָגט, אַז עס איז זייער אַ שווערע דינסט. דאָך האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַזאַ באַטאַליאָן. דאָרט האָבן זיך געפונען פיל גוראַלעס, איינוווינער פון די פוילישע בערג. זיי האָבן געקענט פאָרן אויף נאַרטן.

דער קאָמענדאַנט פון באַטאַליאָן איז געווען אַ קאַפּיטאַן, נאָך פון פאַר דער מלחמה. אַ פּאָלאַק מיטן נאָמען קאָזלאָווסקי.

פיר יידן זענען מיר געווען אין דעם ניי־געשאַפענעם באַטאַליאָן. יונה רודניצקי פון לאָדזש, וואָלבאַרסקע 38, אַ יונג בחורל. גראָס, פון דראָהאָביטש, 18 יאָר אַלט, אַ געוויסער גורעוויטש פון גאַליציע און איך.

דער באַטאַליאָן האָט זיך איינגעאָרדנט אין אַ דאָרף אַרום 18 קילאָמעטער פון פראָנט, אַרומגערינגלט מיט פּרעכטיקע סאָסנע־וועלדער. דאָס דאָרף איז געלעגן נידעריק, און אין מיטן דאָרף האָט זיך געפונען דער איינציקער ברונעם.

עטלעכע טעג נאָכן איינאָרדענען זיך דעם באַטאַליאָן אין די כאַטעס, האָבן זיך אָנגעהויבן די נאַרטן איבונגען.

8 שעה יעדן טאָג זענען מיר געפאָרן אויף איבונגען. דער שניי איז דערגאַנגען ביז אַ מעטער טיף, יעדער האָט געוואַרט אויפן זונטיק, מען זאָל זיך אַ ביסל אָפּרוען. אָבער זונטיק האָט מען איינגעאָרדנט פאַרמעסטונגען, נאַרטן־געיעגן.

וואָס אַ טאָג זענען די איבונגען געוואָרן שווערער. מען האָט געלערנט אַראָפּפאָרן פון אַ וואַלדיקן באַרג ביי וועלכן מען איז געלאָפן מיט אַ קאָפּשווינדלערישער שנעלקייט. מען האָט זיך געמוזט דרייען, אויסמיידן די ביימער. נאָכהער האָט מען געלערנט שפּרינגען. צוערשט פון קליינע, דערנאָך גרעסערע בערגלעך.

די וואָס האָבן אונדז געוואָרנט, אַז עס איז אַ שווערע דינסט, זענען געווען גערעכט.

געווען פאַלן ווען אין מיטן פאָרן, ווען נאָך אַ שעה איבונגען ווען מען האָט זיך אָפּגעשטעלט צו פאַררויכערן, האָב איך געשלאָפן שנעל, כאָטש מיר זענען געווען דערשוויצט, פון לויפן אויף די נאַרטן. איך בין געווען זיכער

---

מען זאָל זיי דאָ דערלויבן צו עפענען אַ פּראָפּאַגאַנדע ביוראָ?

וואָס קען מען דערוואַרטן פון די דאָזיקע לייט אַ חוץ וואַרפן באָמבעס און פאַרכאַפּן עראָפּלאַנען? צי האָבן זיי דאָס נישט געטאָן אין פּאַריז; אין דער בעלגישער שול, וווּ עס זענען געווען קרבנות פון יידישע קינדער? צי האָבן זיי זיך נישט געוואָרפן אויף דעם ישראל אַמבאַסאַדאָר אין ענגלאַנד און אים געמאַכט פאַר אַן אינוואַליד אויפן גאַנצן לעבן?

צי מיינען טאַקע די בילס אָדער דער פּרעמיער, אַז מיר זענען אַזוי נאַיוו און מיר גלייבן, אַז די סאַבאָטירער קומען דאָ אַהער בכדי צו לערנען ווען ס'איז דעם קאַראַן?

און דאָס געזינדל וויל דער פּרעמיער פון דער לייבאָר־רעגירונג געבן אַ דערלויבעניש צו פונקציאָנירן?

ס'איז פשוט נישט צו באַגריפן.

מילא, אַז ביל היידען מיט זיין „כאָר" האָבן צוגעטראַכט אַזאַ שטן־פּלאַן, ווונדערט אונדז נישט. ס'איז אין איינקלאַנג מיט זיין אַלגעמיינער איינשטעלונג צו יידן און, להבדיל, די אַראַבער. אונדז וווּנדערט אָבער גאָר שטאַרק, וואָס פּרעמיער האָוק, וועלכער האָט דערקלערט יעדן מאָמענט און דאָנערשטיק זיין פריינטשאַפט צו ישראל און צו יידן בכלל, קען אַריינפאַלן אין אַזאַ סתירה: — פון איין זייט טרערן (ישראל) און פון די אַנדערע זייט דערלויבעניש פאַר דער פּ.ל.אָ.

נישטאָ קיין ענטפער.

ניין, פון פאַלשע משיחים קען מען עפּעס עכטס און רעכטס נישט דערוואַרטן.

א. זילבער

# ווער באַדאַרף זיי?

קיינמאָל פיל איך זיך נישט אַזוי נידערגעשלאָגן; און קיין זאַך רופט נישט אַרויס ביי מיר (און אודאי אויך ביי אַנדערע), אַזאַ ביטער און טרויעריק געפיל — ווי ווען איך הער, אַז ידישע רעפּרעזענטאַנטן זענען געפלויגן צו רעגירונגס־פאָרשטייער בכדי צו „באַווייזן", אַז די אָדער יענע גזירה איז שעדלעך פאַר דער באַפעלקערונג. באַזונדערס קען אַזאַ באַשלוס ברענגען טראַגישע רעזולטאַטן פאַר אונדזער פאָלק; אַז מיר האָבן די רעכט צו עקזיסטירן.

ס'איז, באמת, אַ ביטער געפיל ווען מען דאַרף איבערציגן „אונדזערע פריינד", אַז אויך אונדזער בלוט איז רויט און נישט בלוי. גורם געווען צו דעם געפיל האָבן נישט קיין אַנדערע נאָר ביז גאָר „לייטישע" מיטגלידער פון דער לייבאָר־רעגירונג: ביל היידען און ל. באַוען מיט דער לינקער פראַקציע.

דאָס האָבן זיי מיט זייערע „שאַרפע" מיניסטאַרישע מוחות אויסגעפונען, אַז שטענדיק מעלה גרה זיין: אינפלאַציע, אַרבעטסלאָזיקייט אָדער וועגן קאָמפּוטשיאַ און טימאָר איז שוין, כמעט, אַן אויסגעריבענע מטבע. איז וואָס קען נאָך זיין אַ מער גאַנגבאַרע סחורה ווי געבן דער פּ.ל.אָ. די מעגלעכקייט צו עפענען אַ פּראָפּאַגאַנדע צענטער?

געזאָגט און געטאָן.

ביל היידען מיט דעם לינקן געזינדל האָבן אַ גרונט צו זיין צופרידן, ווייל ווי ס'זעט אויס וועט אין קורצן דאָס פאַרוואָרפענע אויסטראַלישע ווינקל „באַגליקט" ווערן און מען וועט קענען הערן די בלוט־דורשטיקע פּראָפּאַגאַנדע פון דער פּ.ל.אָ.

ווער וויסט, צי די איצטיקע אַמעריקאַנער און פראַנצויזישע מאַרין קרבנות זענען נישט די אַרבעט פון די דאָזיקע אינפאָרמאַציע ביוראָען?

ס'וואָלט אפשר געווען אַ סברא, אַז מען זאָל איינעם פון די דערפינדער — פאַר דער עפענונג פון אַזאַ ביוראָ — געבן אַ נאָבעל פּרייז פאַר „שלום"...

צוריק געשמועסט, פאַר וואָס נישט? לעך וואַלענסאַ יאָ, סאַדאַט — בעגין יאָ, כאָטש זייער צושטייער צום שלום שטייט אויף הינערשע פיסלעך. איך וואָלט אונטערשטיצט די מיינונג, אַז מען זאָל די צוויי בילס צוטיילן דעם „שלום פּרייז", ווייל דאָס וואָלט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרגלייכן די 4 שלום טרעגער מיט די 4 בנים פון דער הגדה. איי ווער פון די פיר וואָלט באַצייכנט געוואָרן מיט דעם טיטל חכם — און ווער רשע? דאָס וואָלט מען געדאַרפט איבערלאָזן פאַר פאָרשער.

איך האַלט, אַז ביל היידען, דער הויפּט אַרכיטעקט פון דעם פּלאַן האָט זיכער זיך פאַרדינט אַן אויסצייכענונג. אַ קליייניקייט! אַ פּ.ל.אָ. מיט אַן אַגיטאַציע־ביוראָ אין אויסטראַליע! פון דער צווייטער זייט האָט אונדזער אַלט און אויסגעפרווּווט פאָלק אין ליידן — ביי וועמען כמעט אַלע פעלקער האָבן געלערנט —אויסגעלערנט זיך צו טראַכטן, אַז ווען עס רוקט זיך אונטער אַן אומגליק פאַר ייִדן (און דערלויבן צו עפענען אַזאַ ביוראָ איז אַ גרויס אומגליק), נישט צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט; נאָר אַרויסטרעטן אַקטיוו, ווי... און ווו עס לאָזט זיך און דאָרט אויפהויבן אַ ויצעקו מיט אַ פאַר וואָס!

אונדזער פּרעמיער האָוק איז אָבער נישט קיין כבד־פּה. ער שרעקט זיך נישט. ער נעמט אַרויס פון זיין שאַנקאַמער אַלץ וואָס ער האָט אַמאָל געזאָגט וועגן די פּ.ל.אָ. און וואָס ער טראַכט אויך היינט וועגן די באַשעפענישן.

דער לעצטער שווערט ביי „באָרד און פּאות" און דערקלערט פאַר דער ייִדישער דעלעגאַציע „אַזוי לאַנג ווי איך און מיין רעגירונג זענען ביי דער מאַכט וועט די פּ.ל.אָ. נישט דערוועגן זיך צו פירן ביי אונדז וועלכע ס'איז אַגיטאַציע: — קעגן ישראל, קעגן ציוניזם, קעגן ייִדן בכלל".

ווויל ווי די וועלט!

ווער געדענקט דאָס נישט, ווי האָוק האָט זיך צעווינט, ווען מען האָט אים חושד געווען, אַז ער טרעט אַרויס ווי אַ ייִדן־פיינט?

כ'זויס נישט, ווי אַזוי ס'האָט זיך איצט געפילט די ייִדישע דעלעגאַציע ווען זיי האָבן געהערט די דערקלערונג פון פּרעמיער־מיניסטער.

לויט דער דערקלערונג פון איזי לייבלער קומט אויס, אַז אים און אַנדערע מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע איז פּשוט אַ שטיין אַראָפּגעפאַלן פון האַרץ.

מעגלעך, אָבער אָביעקטיוו געטראַכט זעט עפּעס אויס די גאַנצע דערקלערונג פון פּרעמיער — מילד גערעדט — גאַנץ נאַיוו.

ווייל בכלל גענומען קענען זיינע ווערטער נאָר באַצייכנט ווערן ווי אַ פאַראַנטוואָרטונג אָבער בשום אופן נישט ווי אַן ענטפער וועגן אַזאַ פיינטלעכער — פאַר אונדז — פראַגע ווי אַ פּ.ל.אָ. ביוראָ דאָ אין לאַנד.

דער פּשוטער שכל־הישר קען דאָ שטעלן אַזאַ פראַגע: — אויב מען זאָל נעמען אין באַטראַכט, אַז אַלץ וואָס דער פּרעמיער האָט צוגעזאָגט איז אמת, אַז די פּ.ל.אָ. וועט נישט דערלויבט זיך צו טאָן דאָס אָדער יענץ, איז צוליב וואָס, נאָך אַלע גוטע רוחות דאַרף מען זיי דאָ בכלל? און דער עיקר: צוליב וואָס רייסן די מערדער אַזוי שטאַרק, אַז

---

וואָס האָבן איבערראַשט מיט זייער אַנדערשקייט; מיט אַ טיפערן, אינטעלעקטועלן זין.

ענדלעך האָבן מיר פאַר זיך אַ בוך מיט לידער, וועגן וועלכע מ'קען זאָגן מיט אַ רואיק געוויסן, אַז עס געהערט נישט צו דעם מין ביכער „וועלכע מען קען מיטנעמען צו אַ פּאַרטיע, אַנשטאָט אַ באָקס מיט שאָקאָלאַד".

דאָס איז אַ בוך וואָס קען באַפרידיקן דעם גייסטיקן און עסטעטישן געשמאַק נישט נאָר פון אַ ליבהאָבער פון פּאָעזיע, נאָר פון יעדן גוטן לייענער מיט אַ געפיל פאַר שיינקייט פון שפּראַך און אַן אינטעלעקטועלן הונגער.

איך בין נישט וואָס איך עס, איך בין ניט וואָס איך טרינק
איך בין דער אומזין, וואָס וויל צום זין דערגיין".
(זייט 13)

כדי גרינטלעך צו פאַרשטיין דעם דיכטער, איז נייטיק צו געפינען דעם שווער־פּונקט, ווו עס געפינט זיך די קראַפט פון דיכטערס דינאַמע, וואָס גיט שפּאַנונג זיין אומרואיקן גייסט.

דער דיכטער אַליין העלפט אונדז אַרויס מיט די שורות אין ליד וועגן מאָלער גאָיאַ (ז 72)

„איך האָב געענדיקט מאָלן
(ניט גאָיאַ אין מאַדריד)
בלויז אַ ווילנער יינגל
פון צופיל אַמאָלן
צעטומלט און מיד".

ווערט שוין קלאָר, אַז אין אַלע איבערלעבונגען און וואַגלענישן איז נישט מעגלעך צו פאַרגעסן דאָס, וואָס איז געווען. עס איז אויך שווער צו געפינען דעם אימאַזש אין וועלכן דער נעכטן זאָל זיך פאַרלירן. ווי אַ סימבאָל פון אָט דער ווירקלעכקייט פון וועלכער מען קען נישט אַנט־לויפן, אָבער מיט וועלכער מען קען אויך נישט לעבן — דינט די באַציִונג — טיר.

זינט דער דיכטער האָט צוגעמאַכט הינטער זיך די ווילנער טיר, האָט ער נאָך אַלץ נישט געפונען זיין אייגענע טיר, ער איז נאָך אַלץ אַ „שוועל אָן אַ טיר". מיר טרעפן דעם באַגריף אין פאַרשידענע לידער. אַן אָפענע טיר זעט אונדז אויס צו זיין דעם דיכטערס האָפענונג אַרויסצוגיין פון זיין ענגשאַפט און געפינען די צוויבער־סובסטאַנץ, וואָס מענטשן רופן אָן — גליק.

אַ פאַרמאַכטע טיר מיינט פאַר אים: אָפּגעשלאָסן ווערן אין פיר ווענט — תפיסה; איינזאַמקייט; פון לעבן פאַר־געסן...

אין אַ ליד „מיין נאָמען" (זייט 15) שפּירן מיר אָט דעם טרויער פון נאָמענלאָזן.

„זיי האָבן געטראָגן אַן ארון / אויף פּלייצעס — שטעכיקע ביינער
ווער איז דער מת? — / האָב איך געפרעגט.
די האָבן געענטפערט: / „איינער".

מאַכט דער דיכטער דעם סך־הכל אין לעצטן פערז:

„מיר זענען אַוועק / די נאָגעניש צו פאַרגיסן.
די צייט איז אַ זעג מיט שאַרפע ציינער
די לעבנס־קאָרע האָט געבלוטיקט, צעריסן —

און אין דער לעצטער שורה לאָזט אונדז דער דיכטער וויסן:

„און „מענטש" איז מיין ערשטער און לעצטער נאָמען".

נאָ וואָס זשע פּאַסירט, ווען אָט דער „מענטש" קומט אָן אין דער לעצטער אַכסניה ווו ער וווינט אַצינד, וואָס הייסט ניו־יאָרק?

„איך בין צו דיר דערשווומען — אַ שפּליטער פון אַן אַנדער צייט,
דיך דערזען און באַשלאָסן — ביסט שיין.
איך האָב אין דיין געדראַנג אַריינגעפּרעסט מיין איינזאַמקייט,
געהיילט זיך מיט אַלעמען און מיט אַלעמען געבליבן אַליין" (ז 45)

אין ניו־יאָרק האָט יאַני פין וואַרשעווינלעך געטראָפן פריינד. זיצן אַזוי צוויי פריינד און דערמאָנען זיך דעם אַמאָל:

„מיר האָבן געטרונקען אַ גאַנצע נאַכט,
פון עיקר אַלץ ווייטער און ווייטער פאַרגאַנגען,
דערציילט, און איבערדערציילט, ווי מיר האָבן אַמאָל פאַרבראַכט
צוויי גוטע פריינד פון גוטע רייד געפאַנגען".

דער סוף פון דער באַגעגעניש?

„מיט לעצטקייט האָט געקוקט די טיר,
און דאָפּלט גרויס זענען געוואָרן די פליגן,
עמעץ האָט פאַלש געשפּילט אויפן קלאַוויר,
אָבער ווער וויל זיך צוליב אַ פריינדשאַפט אויף אייביק צעקריגן?" (ז 45)

יאַני פין איז נישט נאָר אַ באַגאַבטער מאָלער און קונסט־ווויסנשאַפטלער. אונטער זיין פען לעבן אויף באַר־רימטע מאָלער ווי דיעגאָ ריוועראַ (האַלב ריז, האַלב קינד, אַ העלפאַנד פאַרליבט אין רעגנבויגן); על גרעקאָ — דער גריך (אַ גאָט, מיין צייט גייט אויס, און אַן מיין צייט — וואָס וועל איך ווערן).

נישט נאָר פילאָסאָפיע און אומעט זענען דאָ אין יאַני פינס לידער. עס זענען אויך דאָ לידער פון מאַטערנג.

אין אַ ליד וועגן די אומגעקומענע סאָוויעטיש־יידישע שרייבער ברענגט דער דיכטער אַרויס זיין ביטערן פאַר־וואָס:

„פאַרוואָס זעען מיר זיך נאַקעט — אין אומגליק
און פאַראַדירן אין מונדירן אין רגעס פון גליק?
אַ, נאַכט פון ביטערסטן יאָרהונדערט,
גיב אונדז אַלע שעלטנדיקע פאַרשאַלטענע
און אַלע פאַרשווערטע פאַרשאָטענע צוריק" (ז 111).

✶

אַנגערעגט מיט נייגעריקייט וועגן דעם יחוס באַגאַבטן דיכטער יאַני פין, האָט מיין דער קריטיקער יהושע ראַ־פּאָפּאָרט. אָפט זענען אין שמועסן וועגן די מלחמה־יאָרן פאַרוואָגלט אין ווייטן שאַנכיי, אַרויסגעשוווּמען דער נאָ־מען יאַני פין, און תמיד מיט ליבע און אָנערקענונג פאַר זיין טאַלאַנט.

יאָרן שפּעטער האָבן זיך באַוויזן דאָ און דאָרט לידער,

**מ. אייזענבוד**

# דער דיכטער מאַכט אויף א טיר — צו זיך

יאַני פּיין: „גוטע אורחים" לידער.
פאַרלאַג ישראל־בוך 1983, 166 ז״ז

צו מעסטן דיכטונג, זענען נישטאָ קיין מאָסן. דאָס לאָזט דעם לייענער פריי אין זיך אויסוויילן פון דעפיניציעס.

אַ גוט ליד, איז אַ ליד וווּ דער דיכטער פאַרלירט זיך און דער לייענער געפינט זיך; דער דיכטער נוצט דאָס וואָרט, ווי דער פידלער־ווירטואָז נוצט סטרונעס, כּדי אַרויסצוכישופן פון זיי דעם צאַפּל פון דער נשמה.

אַן אינטעליגענטער לייענער קאָן נאָך געפינען אַן אַ שיעור פאַדערונגען, וואָס ער דערוואַרט אַלץ פון אַ ליד, און אַלע וועלן זיי זיך באַרעכטיקט. פּונקט ווי דער דיכ־טער איז שטרענג אינדיווידועל אין זיך זוכן דעם זין פון זיין און דאָס מענטשלעכע אין דער וועלט אין וועלכער ער לעבט — אַזוי איז אויך דער לייענער. ער איז אַן אינ־דיווידואַליסט און דורך דעם מעדיום פון דיכטער און זיין ליד — זוכט ער צו געפינען — זיך אַליין.

יאַני פּיינס לידער טראָגן אין זיך נישט נאָר דעם אומרואיקן גייסט פון זוכן — קודם דאָס פאַרלוירענע און דעם פאַרוואָס, פון פאַרגיין פון דער וועלט פון נעכטן; זיי זוכן דעם אויסדרוק פאַר דעם היינט, וואָס קאָן זיך פון נעכטן נישט אָפּרייסן, אין זיך ווילן צו זיין זעלבסטשטענדיק, ווי אַ נייער אָנהויב. כּדי דאָס אויסדריקן, האָט דער דיכטער געפונען אַ ניי וואָרט, אַ באַגריף וואָס מאַכט דאָס בילד בולט — ווי נאָר מעגלעך.

יאַני פּיין איז נישט נאָר אַ דענקענדיקער דיכטער, ביי וועמען די פילאָסאָפישע פאַרטיפונגען נעמען אָן דעם געשטאַלט פון אַן אַפאָריזם — נאָר ער שאַפט געדאַנק־לעכע בליצן, וועלכע באַלייכטן די פאַרהוילענע שטימונגען אין מענטשלעכן באַוווסטזיין.

יאַני פּיין איז אויך אַ מאָלער און דורך זיין דיכטונג אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדז בילדער; עס נעמען שימערירן קאָלירן, וואָס פאַרוואַנדלען די ווערטער אין בילדער און דורך די צווייי דימענסיעס — פון וואָרט און בילד אַנט־פּלעקט זיך פאַר אונדז די געדאַנקלעכע פילאָסאָפיע, וועלכע דער דיכטער פרעסט אַריין אין די ענגע ראָמען פון אַ ליד.

לייענען יאַני פּיינס דיכטונג קאָן מען (דאַרף מען) ווי מען טרינקט גוטן וויין: לאַנגזאַם — כּדי צו דערפילן דעם געשמאַק. אָבער דאָ ענדיקט זיך דער פאַרגלייך. מחמת וואָס מער וויין מען טרינקט, אַלץ מער ווערט פאַרנעפּלט דער געדאַנק; אַלץ וואַרעמער ווערט אויף דער נשמה; די נערוון ווערן אַנטשפּאַנט און מען פאַלט אַריין אין טראַנס פון גוטער, דערגלאָזער שטימונג.

פון יאַני פּיינס לידער ווערט מען אָנגעשיכּורט מיט טרויער; דער געדאַנק ווערט וואַך; די נערוון — אָנגעשפּאַנט און מען דערפילט ווי די דיכטונג צווינגט צו טראַכטן, אַנאַ־ליזירן, מאַכן אויספירן. דער דיכטער האָט פאַרוואָרפן אַ בריק, אויף וועלכן דער לייענער גייט צו אים. צייט און אָרט ווערן אויס אַבסטראַקציעס און פילאָסאָפיע ווערט אַרויסרוף צום לעבן גופא.



יאַני פּיין

די פילאָסאָפיע פון יאַני פּיינס אינטעלעקטועלער דיכטונג איז נישט צוגעשניטן לויט דעם טראַפאַרעטן „קונסט לשם קונסט".

ער שפּילט זיך נישט ווי טייל דיכטער (אַפילו באַ־גאַבטע) מיט ווערטער, ווי מיט קאָלירטע שמעטערלינ־גען — נאָר זיין וואָרט שנײַדט זיך אַריין אין אונדזער געמיט מיט דער שאַרפקייט פון זיין געדאַנק. עס לאָזט אונדז נישט גלייכגילטיק. די מאָנונג נעמט אַרום דאָס געמיט, ווי מיט צוואַנגען.

און אַלץ וואָס דער דיכטער וויל איז — מיר זאָלן אים פאַרשטיין:

„אַ בריק איבער פעלזיקע ברעגן, איז דאָס
פאַרשטיין".

אַ נאַטירלעכע דערשיינונג איז דעם דיכטערס באַמיאונ־גען אַדורכצושווימען דעם אייגענעם ים פון געפילן, איבערלעבונגען און שטימונגען, כּדי צוצוקומען צו אַ פעסטן באָדן, אויף וועלכן ער זאָל קאָנען אָנהייבן אַ נייעם מאָרגן — נאָך דעם נעכטן וואָס ער האָט פאַרלוירן.

דער אונטערגאַנג וואָס כ'האָב טאָג־טעגלעך געזען,
איז מער לעבעדיק, ווי דאָס לעבן אַליין.

י. מ. לעווין

# דער בלינדער בעטלער און דעם נגידס טאָכטער

— באַלאַדע —

אַ בלינדער בעטלער זיצט און בעטלט
אויפן קרייצוועג פון גאַסן פיר.
מיט בלויע ברילן די נאָז באַזאָטלט
בעטלט ער ביי אַ נגידס טיר.

דאָרט לויפן יעדן טאָג אַדורך
צוויי יונגע, שלאַנקע מיידל פיס,
די ברילן הערן בלויז דעם שאָרך —
דער בעטלער ווייסט דאָך ווער זי איז.

זי איז דעם רייכן יידס טאָכטער —
דאָס שענסטע מיידל אין דער שטאָט.
און דער בעטלער — אַזוי טראַכט ער —
ס'מוז דעם מיידל אויך זיין גוט.

יעדן טאָג — זי וואַרפט אַ גראָשן
אין זיין פושקע אויסגעשטרעקטער —
יעדעס מאָל פאַרפעלט אים לשון
צו זאָגן איר: אַ דאַנק דיר, טאָכטער!

די גראָשנס אירע קלייבט און קלייבט
פאַר אַ צושטייער צו איר נדן,
פול דאָס זעקל שוין — אַזוי ער גלויבט —
פאַר דעם מיידל, אָן זיין שאָדן.

זי איז דאָך אַ שותף גלייכער
כאָטש נישט געמאָסטן די חלקים.
איר גראָשן מאַכט דאָס האַרץ אים ווייכער
אַזש אַ טרער נעמט אים שטיקן.

— — — — — — — — — — — — — —

געקומען איז דער חופה-טאָג,
ער איז געלאַדן צו דער חופה.
דאָס זעקל גראָשנס ער טוט אַ טראָג —
גראָשנס קלינגנדיקע — אַ פולע קופּע.

לאַכט דער עולם, מחותנים לאַכן,
נאָר ס'ווערט די כלה פלוצלינג בלאַס —
דאָס זעקל גראָשנס — פראָסטע בלעכן —
אַ גבירס אַ קינד — אַ פראָסטער שפּאַס.

דער בעטלער נעמט אַראָפּ די ברילן
פון דער הויקערדיקער נאָז.
די אויגן שיינען מיט אַ שמייכל שטילן,
און געזאָגט האָט ער אַט וואָס:

עס אַרט מיך נישט דער פאַלשער גראָשן —
כאָטש נישט געוווּסט איך האָב אַז כ'בין דער נאַר —
עס אַרט מיך בלויז דער כלהס פאַלשער לשון:
קויף דיר, אַלטער, ברויט דערפאַר.

ס'איז דאָס האַרץ אין מיר געוואַקסן —
אַ גראָשן מיינער איז דאָך אַלצאיין מיר —
זי מערטשעם אונטערוואַקסן —
אַ פּיצל האַרץ — אַ מתנה איר.

אַט זענען ביידע — ס'האַרץ און ס'געלט —
וועלכעס ווילסטו, מיידל, זאָג...
האָסט מיט פאַלשקייט זיך פאַרשטעלט —
עס איז פון חשבון היינט דער טאָג...

פאַר די בלעכלעך קויף דיין ברויט,
וועסט דערגיין דעם טעם פון אמת...
מיין האַרץ — בלייבט מיינס — ביזן טויט —
איך קאָן נישט זאָגן דיר: אַט, נעם עס...

געענדיקט רעדן האָט דער בעטלער.
עס ציטערן דער כלהס פינגער;
מיט יעדער רגע ווערט זי מיאוסער, עלטער
און דער אַלטער — ווערט שענער, יונגער.

גאַפט דער עולם אויף די צוויי —
די אַלטע פרוי גיסט טייכן טרערן.
דעם בחורס פנים העלט ווי שניי,
די אויגן לויכטן ווי צוויי שטערן.

דאָס אַלץ וואָס דאָ געזען — געדענקט,
זאָגט דער בחור מיט אַ מילדן שמייכל —
ס'ווערט קיינמאָל קיינעם נישט געשענקט —
און ער איז פאַרשוווּנדן ווי אַ רויכל.

און אַ נס געשעט דאָ ווידער,
ווי פריער שוין געשען —
פון דער אַלטער פאַלן אָפּ די שמאַטע-קליידער,
זי ווערט יונג ווידער — ווי געווען.

צו דער חופה איז זי גרייט
מיטן ווייסן שלייער און לאַנגע צעפּ,
גאַפט דער עולם און זוכט באַשייד,
און דרייען היין און הער די קעפּ.

דעם בחורס קול פון ווייט זיי הערן
געטראָגן אויף די פליגן פונעם ווינט:
אויסגעקויפט מיט חרפה טרערן —
האָט דאָס מיידל אירע זינד.

די באבע מאשע, וועלכע האט געוווינט געגנג ווייט פון זיי — אויף אסטראווסקע גאס (די איינוווינערס האבן געוווינט אויף טווארדע). ער האט זיך פארבונדן מיט אנדערע יינגלעך, וועלכע האבן ארויסגעוויזן גרויס דרייסטקייט ביים ארויסדרייען זיך פון די פאליצײ־לייט, וועלכע האבן באוואכט די געטא־מויערן. עס האט אים ארויסגעהאלפן א פוילישע פאמיליע, וועלכע האט געוווינט נעבן יידישן בית־עולם, אויף יענער זייט פון געטא. יאַצעק איז געווארן א גרויסער פאכמאן אין געבן כאבאר ווען מען האט געמוזט געבן. ער האט אויך נישט מורא געהאט זיך צו באווארגן מיט א שארפן מעסער, כדי זיך אנטקעגנצושטעלן די „שמאלצאווניקעס" און אנדערע מינים כוליגאנעס וועלכע זענען אים געשטאנען אין וועג.

די יידישע יינגלעך האבן אפט באצאלט מיט זייערע יונגע לעבנס ביים אויספירן די שמוגל־ארבעט. יעדעס מאל איז אן אנדערער אפגעפאלן פון דער גרופע, און ס'איז צוגעקומען א צווייטער.

יאַצעק האט אויך געהאט מפרנס צו זיין נישט בלויז זיין אייגענע טאטע־מאמע און שוועסטער, נאר ער האט אויך נישט פארגעסן אין זיין באבע מאשע, אויף אסטראווסקע געסל (נישט אזא וואזשנע גאס אין ווארשע). ער פלעגט קומען צו איר פון צייט צו צייט, אבער רעגולער איר באווארגן מיט עסן און געלט כדי אויך זי זאל קענען לעבן און איבערלעבן. ער איז אבער איין מאל געקומען און געטראפן די באבע אין א זייער שווערן צושטאנד, אויסגעמאגערט, שיער נישט צום שטארבן. ער האט אנגעהויבן צו פרעגן דער באבען: וואס איז געשען מיט דיר, איך ברענג דאך דיר עסן און געלט, וואס איז געשען מיט דיר? די באבע האט געשוויגן און נישט געוואלט זאגן. אבער איזאקלען האט מען נישט געקענט אפנארן. ער איז שנעל דערגאנגען, אז אירע צוויי טעכטער, זיינע מומעס, האבן פשוט צוגענומען דער מאמען דעם ביסן פון מויל און זי אויסגעהונגערט ביז נאענט צום טויט. ער איז אריין אין א ווילדן כעס און ער האט זיינע אכזריות־דיקע מומעס דערלאנגט ווי עס געהער צו זיין. די באבע האט לסוף דערלעבט, אז ווען די דייטשן האבן אנגעהויבן די גרויסע אקציע, אין יולי 1942, האבן זיי אויך געטראפן צו דער שטוב פון דער באבע מאשע און די דייטשע מערדערס האבן זי פשוט אראפגעווארפן פון די שטיגן. עס איז שוין נישט געווען וועמען אויפצוהויבן...

יאַצעק אייזנער האט געהאט זיינס א פריינדין, דאס יידישע מיידל האלינא, וועלכע האט זיך שוין געפונען אויף דער ארישער זייט אין פראגע. ער האט אויך איר באווארגט מיט עסן, אבער לסוף איז זי צוריקגעקומען אין געטא און געשטאנען ביי זיין זייט, ביז צום אויסברוך פון געטא־אויפשטאנד. יאַצעק איז שוין דעמאלט געווען 16 יאר אלט, קיין אינטערעס אין פאליטיק האט ער נישט געהאט, אבער ער איז אריינגעפאלן אין א גרופע פון בית״ר און זייער גרופע פון „ברית החייל", וועלכע האבן געקעמפט אלס ארגאניזירטע גרופע אויף פלאץ מוראנאווסקי און די דערנעבנדיקע הייזער פון נאלעווקי. געווען צווישן די א סך געוועזענע זעלנער און אפיצירן פון דער פוילישער ארמיי און זיי זענען געווען פארבונדן מיט דער „ארמיא קראיאווא", וועלכע האט זיי געהאלפן מיט געווער און — מיט א וויס־רויטער פאן, וועלכע זיי האבן ארויס־געהאנגען נעבן דער בלוי־ווייסער בעת די קאמפן.

פונקט ווי אלע אנדערע קעמפער פון דער יידישער קאמפס־ארגאניזאציע (ער דערמאנט זיי כמעט נישט אין גאנצן), האבן זיי אלע טראגיש געענדיקט. די מערהייט איז געווארן דערמארדעט אין די קאמפן און שרפות פון די הייזער און די לעבן געבליבענע זענען געכאפט געווארן און אוועקגעפירט אויפן אומשלאג־פלאץ, און פון דארט — אין די פארניכטונגס־לאגערן. פון איין לאגער אין צווייטן, פאנאנדערגעטיילט פון דער מאמע און זיין געליבטע האלינא (דער פאטער און שוועסטער האבן שוין נישט געלעבט), איז ער דורכגעגאנגען קאלטס און וואַרעמס. ער האט ארויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע דרייסטקייט, צוויי מאל געהאנגען אויף דער תליה און דער שטריק האט זיך אפגעריסן און א דאנק דער הילף פון א יידישן ארמיי־אפיציר געבליבן לעבן (דער אפיציר שטאקמאן אליין איז שפעטער אומגעקומען). ער האט זיך געראטעוועט און דערלעבט די באפרייאונג. ער האט נאך געטראפן זיין מיידל האלינא, אבער שוין א האלב־טויטע. זי איז געשטארבן אויף זיינע הענט, שוין נאך דער באפרייאונג. מיט עטלעכע וואכן שפעטער האט ער זיך אנגעטראפן אויף זייער לעבן געבליבענער מוטער זיינער.

ווי איר קענט זען פון דער קורצער באשרייבונג — ניסים אויף ניסים. דער מוטיקער און דרייסטער יאַצעק־איזאקל, דער היינטיקער דזשעק האט דערגרייכט זיין ציל — איבערצולעבן דעם שונא. ער איז נאך א געוויסע צייט געווען טעטיק אין דייטשלאנד, צוהעלפנדיק כאפן און עדות זאגן קעגן די ס"ס־באנדיטן, די מערדערישע שומרים אין די לאגערן.

דאס בוך איז אויסגעצייכנט אנגעשריבן. מען קען געפינען באשטימטע חסרונות: די סעקס־סצענעס זענען אין אזא מין בוך נישט נייטיק. אויך די לעבן־געבליבענע קעמפער פון „זשאב" — די יידישע קאמפס־ארגאניזאציע, וועלכע האט אויסגעטראגן דעם הויפט־קאמף קעגן דער מעכטיקער דייטשער ארמיי און דעם סאטראפ פאן־סטראפ קענען האבן טענות צו אייזנערן פאר זיין פארשוויגן זייער אנטייל אין ווארשעווער געטא־אויפשטאנד. איך באשולדיק אים נישט אין קיין ביזוויליקייט, ער איז געווען נאך גאר יונג און מסתמא ווייניק באקאנט מיט דעם יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן אין געטא פון וועלכן ער איז געשטאנען פון דער ווייטנס.

דאס בוך פון דזשעק אייזנער לייענט זיך שפאנענדיק און עס איז א ווערטפולער צושטייער צו אונדזער חורבן־ליטעראטור. ספעציעל איז עס א גוטער אנדענק פאר די הונדערטער יידישע יינגלעך, וועלכע האבן א דאנק זייער ריזיקאלישער ארבעט געהאלפן שפייזן די געטא־יידן און א טייל אפשר געראטעוועט פון א זיכערן טויט.

---

הערשל באַכראַך

# די העלדישקייט פֿון די ייִנגלעך־שמוגלערס

## „דזשעק אייזנער — דער איבערלעבער" — אַ נײַ בוך אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור

די חורבן־טעמאַטיק גייט נישט אַראָפּ פֿון דער טאָג־אָרדענונג פֿון אונדזער לעבן. וואָס ווײַטער מיר רוקן זיך אָפּ פֿון די יאָרן 1939 ־ 1945, אַלץ מער קומען מיר צוריק צו יענע טראַגישע טעג. דער דור וואָס האָט איבערגעלעבט דעם היטלער־חורבן, די מענער און פֿרויען, וועלכע זענען דעמאָלט געווען נאָך יונג, גייען ביסלעכווײַז אַוועק אין דער אייביקייט. טייל פֿון זיי האָבן געטאָן זייער פֿליכט און פֿאַרשריבן אין לידער, זכרונות און דערציילונגען די געשיכטע פֿון ייִדישן אומקום אין אייראָפּע. עס איז שוין אויסגעוואַקסן אַ גרויסע ליטעראַטור אין ייִדיש און אויך אין אַנדערע שפּראַכן. ספּעציעל גרויס איז די צאָל פֿון חורבן־ביכער אין דער ענגלישער שפּראַך. די מערהייט פֿון די ייִדן אין דער וועלט לעבן הײַנט אין ענגליש־רעדנדיקע לענדער און עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז פֿון די דאָזיקע קרײַזן קומט די היינטיקע חורבן־ליטעראַטור.

לידער דערגייט נישט צו אונדז זייער פֿיל פֿון אָט די חורבן־ביכער. עס קומען איצט צום וואָרט די לעבן־געבליבענע, וועלכע האָבן דורכגעלעבט מיט נסים יענע טראַגישע יאָרן, ווען זיי זענען געווען זייער יונג, און ערשט איצט דערוועקט זיך בײַ זיי דער פֿאַרלאַנג אַרויס־צוברענגען פֿאַר דער וועלט זייערע איבערלעבונגען און געפֿילן פֿון יענע טעג.

איינער פֿון זיי איז דזשעק אייזנער, וועלכער לעבט הײַנט אין ניו־יאָרק. מיט העכער אַ יאָר צוריק האָט זיך פֿיל געטומלט מיט אים אין אַמעריקע. ער האָט איבער־געלעבט דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד און די קאָנצענטראַציע־לאַגערן וווּהין ער איז פֿאַרשיקט געוואָרן נאָכן אויפֿשטאַנד. אין אַמעריקע איז אים גוט אײַנגעגאַנגען און עס האָט אים אָנגעהויבן צו נאָגן דער געדאַנק, אַז דאָס וועלט־ייִדנטום, און ספּעציעל דער גרויסער ייִדישער ישוב אין אַמעריקע, האָט כמעט גאָר נישט גע־טאָן כּדי צו העלפֿן דעם אייראָפּעאישן ייִדנטום פּנים אל פּנים מיט דער טויט־געפֿאַר. דזשעק אייזנער האָט באַ־שטימט אַ גרעסערע סומע געלט כּדי צו שאַפֿן אַ קאָמיסיע וואָס זאָל אויספֿאָרשן, פֿאַר וואָס דאָס אַמעריקאַנער ייִדנ־טום, זײַנע דעמאָלטיקע פֿירער און געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס, האָבן געהאַנדלט אַזוי שלאַבעריק אין אַנבליק פֿון דעם גרויסן אומגליק וואָס איז באַפֿאַלן דעם ייִדנטום אין אייראָפּע.

ס'איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ קאָמיסיע פֿאַר דעם צוועק מיט דעם באַקאַנטן ריכטער פֿון העכסטן געריכט אַרטור י. גאָלדבערג.

נאָך דעם ווי די קאָמיסיע האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס בלויזע אויפֿשטעלן די פֿראַגע שטעלט אונטער אַ טונקעלן ליכט די דעמאָלטיקע פֿירערשאַפֿט פֿון אַמעריקאַנער ייִדנטום.

דזשעק אייזנערן איז נישט געפֿעלן געוואָרן דער אַר־זײַן סובסידיע. די אַרבעט פֿון דער אויספֿאָרש־קאָמיסיע איז געבליבן טאָרפּעדירט אויך צוליב אַנדערע סיבות. מען וויל נישט זוכן דעם אמת.

דערווײַל האָט דזשעק אייזנער אַרויסגעגעבן אַ בוך מיט זײַנע אייגענע טראַגישע מלחמה־איבערלעבונגען אַ״נ „דזשעק אייזנער — דער איבערלעבער". דאָס בוך איז רעדאַגירט געוואָרן דורך אַ געניטן שרײַבער, אירווינג א. לייטנער, אַ גוטער פֿאַכמאַן אין ליטעראַרישן אַרט שרײַבן.

דזשעק, אָדער איזאַק ווי ער האָט זיך גערופֿן אין וואַרשע, איז אַלט געווען דרײַצן יאָר אין סעפּטעמבער 1939, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן. ער האָט געוווינט אין כאָר פֿון דער באַרימטער טלאָמאַצקע־שול, אונטער דער דירעקציע פֿון ד. אייזענשטאַט. ער האָט זיך גע־גרייט אָנצוקומען אין וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע, כּדי פֿאַרזעצן זײַן מוזיקאַלישע אויסבילדונג. אָבער די מל־חמה מיט אירע גרוילן האָבן געמאַכט אַ סוף צו די שיינע פּלענער פֿון אַ פּעאיק ייִדיש ייִנגל אין וואַרשע.

געשטאַמט האָט ער פֿון אַ באַלעבאַטישער פֿאַמיליע. דער פֿאָטער — שטענדיק מיט אַ בוך אונטערן אָרעם. אַפֿילו אין די געטאָ־טעג האָט ער נישט פֿאַרלוירן דעם גלויבן אין דעם ווערט פֿון געדרוקטן וואָרט.

אַנדערש איז אָבער געווען מיט דעם דרײַצן־יאָריקן יאַנצעק, אָדער איזאַקל, ווי די מאַמע און באָבע מאַשע האָבן אים גערופֿן. ער האָט זייער גיך פֿאַרשטאַנען, אַז אויב ער וועט פּרובירן אָנגיין מיט דעם נאָרמאַלן אָרט לעבן, וועט די גאַנצע משפּחה פּשוט אויסשטאַרבן פֿון הונגער. די פֿלינקע אויגן פֿון דעם יונגן בחור'ל האָבן שנעל דער־זען די טראַגישע ווירקלעכקייט פֿון געטאָ־לעבן; אַז עס וועט איבערלעבן נאָר דער, וועלכער וועט אַרויסווײַזן גע־וואַגטקייט, דרייסטקייט און מוט סײַ לגבי דעם אויסדרלעבן שונא, דעם מערדערלעכן דײַטשן אונטערדריקער, און סײַ לגבי דער אינערלעכער ביוראָקראַטיע, וואָס האָט זיך גע־שאַפֿן אַרום דעם יודן־ראַט און די טויזנטער משרתים זײַנע.

יאַנצעק האָט געטאָן דאָס, וואָס עס האָבן דאַן געטאָן אַ סך ייִדישע ייִנגלעך. ער איז געוואָרן אַ שמוגלער פֿון עסנוואַרג און אַנדערע אַרטיקלען. ער איז געוואָרן אַ מײַסטער פֿון אַריבערקריכן זיך איבער דער געטאָ־וואַנט און קומען צוריק אַן אָנגעלאָדענער מיט אַלע מינים סחו־רות און אויף דעם אופֿן פֿאַרדינט אויף עסן פֿאַר זיך און זײַן משפּחה — טאַטע־מאַמע, די שוועסטער העלען און

דער חלום נישט פארווירקלעכט געווארן. די מלוכה און דער רעזשים וועלכער רעגירט אין איר, איז נישט מער ווי א פארם אין וועלכער די מענטשלעכע געזעלשאפט איז ארגאניזירט. אין אנהייב איז די נאציע געווען א פאר־איניקנדיקער פאקטאר וואס האט צונויפגענומען באזונדערע שבטים און פירשטנטומס אונטער איין ארגאניזאציאנעלן דאך. ביים היינטיקן טאג איז נאציע און מלוכה געווארן א צעטיילנדיקער פאקטאר. זי צעטיילט די מענטשלעכע געזעלשאפט אין קלענערע איינהייטן, אין דער צייט ווען די שטארק־אויסגעוואקסענע באפעלקערונג פון אונדזער פלאנעט נויטיקט זיך אין א קאלעקטיווער אנשטרענגונג, כדי צו דערמעגלעכן איר ווייטערדיקער עקזיסטענץ.

שוין איצט הייבן זיך אן צו באווייזן צייכנס, אז די מלוכה־איינהייט איז א פארם, וועלכע איז נישט מער צופרידנשטעלנדיק אין אונדזער צייט. לענדער פאראייניקן זיך פרייוויליק אדער אונטער דרוק אין בלאקן, און די ארבעטן צוזאמען אויף געוויסע געביטן. מיט די מאדערנע מיטלען פון קאמוניקאציע — סיי דורך טראנספארט און סיי דורך דעם געדרוקטן און גערעדטן ווארט (ביכער־איבערזעצונגען, פרעסע, ראדיא, טעלעוויזיע) — באקענט זיך איין פאלק בעסער מיטן צווייטן. די דאזיקע דערשיינונגען זענען גורם אז מענטשן איבערציינגן זיך, אז דאס אנדערע פאלק באשטייט פון פונקט אזעלכע מענטשן, מיט מעלות און חסרונות, ווי זיי אליין. עס ווערן קלענער די אונטערשידן, און דער באהן ווערט וואס אמאל רייפער פאר א דערנענטערונג צווישן מענטשן פון פארשידענע נאציעס. דאס מיינט, אז די נאציאנאלע פארם פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט הערט אויף צו זיין דער דאמינירנדיקער פאקטאר.

## סאציאליזם

דער חלום פון די מאסן אומצופרידענע מיט זייער גורל, אין דער ערשטער העלפט פון צוואנציקסטן יאר־הונדערט איז געווען סאציאליזם. היינט, ביים סוף פון דעם דאזיקן יארהונדערט, איז שוין א גרויסער טייל פון די פארגלייבטע אנטוישט אין דעם דאזיקן חלום. די סאציאליסטן האבן געהאפט, אז א גערעכטע געזעלשאפט וועט הערציען דעם אידעאלן יחיד. אריינגייענדיק טיפער אין דער דאזיקער דעפיניציע קען מען זען, אז זי איז געבויט אויף א ווידערשפרוך. די גערעכטע געזעלשאפט קען נישט אראפפאלן פון הימל ווי א פארטיקער פראדוקט — זי מוז געשאפן ווערן דורכן מענטש. ווי אזוי קען דער מענטש, וועלכער איז אליין פול מיט סתירות שאפן עפעס וואס וועט זיין אידעאלע שלימות?...

די פראקטיק האט אויפגעוויזן אז די סאציאליסטישע געזעלשאפט וועלכע דער נישט פולקאמער מענטש האט געשאפן, איז געווען פונקט אזוי אומפערפעקט ווי ער אליין.

דא קומט ארויף אויף דער סצענע דער פסיכאלאג און פסיכא־אנאליסט. מען מוז ארבעטן אין דער ריכטונג פון א פערפעקטן אינדיווידואליזם, זאגן זיי. דער אידעאלער יחיד וועט שאפן די פערפעקטע געזעלשאפט. שטעלט זיך די פראגע: צי איז דאס מעגלעך?

## אינדיווידואליזם

מיר זענען א פראדוקט פון דער נאטור אזוי ווי אלץ ארום אונדז. די וועלכע זאגן, אז מענטשן, פונקט ווי די גאנצע נאטור, זענען א געטלעכער פראדוקט, קענען אבער נישט ענטפערן אויף דער פראגע: פארוואס דער מענטש איז נישט אידעאל. זיי מוזן זיך ארויסדרייען מיט דעם תירוץ, אז גאט האט געגעבן דעם מענטש א פרייען ווילן. צו וואס? ער זאל קענען זינדיקן? לאמיר איבערלאזן די גלויביקע צו פלפולען זיך אין זייערע פראבלעמען, מיר האבן גענוג אונדזערע אייגענע. דער מענטש איז א פראדוקט פון דער נאטור, ער איז אבער א נאך נישט פארענדיקטער פראדוקט. ער שטייט אויף דער העכסטער מדרגה פון ביאלאגישער אנטוויקלונג: נאר ער פון אלץ וואס לעבט אויף אונדזער פלאנעט, פארמאגט א באוווסטזיין און די פעאיקייט צו טראכטן. ער פארמאגט אבער אויך חושים און אינסטינקטן אזוי ווי די חיות. ער קען שוין טאקע נישט, און וויל נישט לעבן אזוי ווי א חיה, אבער זיין פיזישער קערפער צווינגט אים צו מאכן קאנצעסיעס לטובת זיינע אינסטינקטן און דערלויבט אים נישט צו לעבן מיט בלויזער אינטעלעקטואליטעט. דאס שאפט ביים מענטש, אין א געוויסער מאס, א צעשפליטערטקייט און איז גורם אז ער קען זיך נישט אלע מאל אויפפירן אין הסכם מיט זיין געוויסן. רעליגיעס זאגן אונדז, אז דער מענטש זינדיקט און גאט שטראפט אים, איך נעם אבער אן אז, נאכגעבנדיק זיינע אינסטינקטן און באדערפענישן, זינדיקט דער מענטש קעגן זיין געוויסן און דערנאך שטראפט ער זיך אליין מיט שולד־געפילן. ווי אזוי־זשע שטעלן זיך פאר די פסיכאלאגן און פסיכאנא־ליסטן וועט זאא מיך באשעפעניש, אומפערפעקט און צעריסן צווישן זיין ליבידא און עגא, ווי זי איז, קענען שאפן א פערפעקטע געזעלשאפט?

אויב עס איז אזוי, טא ווו ליגט די ישועה?

# „קדימה"־ביבליאטעק

## נייע יידישע ביכער

ק. צעטניק — די שבועה.
יוסף הייבלום — געלעכטער מיט א טרער.
הערש סמאלאר — אויף דער לעצטער פאזיציע — מיט דער לעצטער האפענונג.
הערש סמאלאר — פון אינעווייניק (זכרונות וועגן דער „יעווסעקציע").
יוסף וויינבערג — דאס תבואה־קינד (ראמאן).
חיים מאלטינסקי — אין זיבן זונען (בעלעטריסטיק).
הערשל מעטאלאוויעץ — א וועג אין לעבן. צוויי בענדער — פראגמענטן פון אן אויטאביאגראפיע.

י. קאָפּע

# נאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם אָדער אינדיווידואַליזם?

מיר באַהאַנדלען דאָ אַן אַל־מענטשלעכן פּראָבלעם, וואָס רירט אָן יעדן פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע פעלקער. ווי אַנדערש מיר זאָלן נישט זיין פון אַנדערע פעלקער, ווערט אויך אונדזער לעבן באַאיינפלוסט פון די געשעע־נישן אַרום אונדז, און במילא קאָנען מיר זיך נישט אי־זאָלירן פון זיי.

די מענטשהייט האָט דערגרייכט, און אַפילו איבער־געשטיגן, אירע ווילדסטע פאַנטאַזיעס: מיר פליען אין דער לופטן ווי פויגל; מיר שווימען אונטערן וואַסער ווי פיש; מיר האָבן געפונען די פאַרבאָרגענע קראַפט אין דעם אַטאָם און נוצן זי. אַ מענטש איז שוין אַפילו געווען אויף דער לבנה.

דאָך, מער ווי ווען נישט איז, איז דער אויסבליק אויף דער צוקונפט אומזיכער; אָנגעלאָדן מיט מורא און שרעקנ־דיקע סימנים. דענקער און פירער קומען מיט פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס וואָס דאַרפן זיין ישועות פאַר דער באַדראָ־טער מענטשהייט. וויל איך זיך דאָ אָפּשטעלן אויף די וויכטיקסטע פאָרמען וואָס די מענטשלעכע געזעלשאַפט האָט אָנגענומען און וואַרפן אַ בליק אויף די, וועלכע מען ליגט אונדז פאָר, כדי מענטשהייט זאָל זיין גליקלעך.

## נאַציע געמיינשאַפט

ביים היינטיקן טאָג איז די וועלט צעטיילט אויף לענ־דער און פעלקער, וועלכע באַוווינען זי. די מענטשהייט איז דורכגעגאַנגען אַ לאַנגע געשיכטע ביז זי האָט דער־גרייכט די היזיקע געזעלשאַפטלעכע פאָרם — די פאַראייניקונג פון אַ געגעבענער גרופּע מענטשן אין איין נאַציע.

צום ערשטן האָט וואַרשיינלעך נישט עקזיסטירט קיין געזעלשאַפט בכלל — יעדער איז געווען פאַר זיך. די ערשטע געזעלשאַפטלעכע פאָרם איז געווען די פאַמיליע־איינהייט. דאָס איז געווען דער ערשטער שטאַפּל וואָס האָט געפירט צו דער אַנטוויקלונג פון דער קאָמפּליציר־טער געזעלשאַפט אַזוי ווי מיר קענען זי היינט־צו־טאָג. דער צווייטער שטאַפּל איז געווען דאָס פאַראייניקן זיך פון מערערע פאַמיליעס אין אַ שבט; שפּעטער זענען גע־קומען פירשטנטומס, און דאַן נאַציעס און מלוכות. דאָס איז אַלץ געווען מיטן ציל צו זיין שטאַרקער, בעסער אָר־גאַניזירט, כדי צו קענען בעסער פאַרטיידיקן זיך קעגן די געפאַרן וואָס האָבן געלויערט אויפן מענטש אין דער נאַטור, און כדי צו צוימען אירע כוחות און זיי איינשפּאַנען אין דינסט פון מענטש. איך צווייפל נישט אַז מענטשן האָבן געהאָפט צו ווערן גליקלעכער מיט יעדער נייער אַנטוויקלונג. איז עס אָבער געווען אַזוי?

יעדער נייער שטאַפּל אויפן לייטער פון אַנט־וויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט האָט געבראַכט מער שוץ פאַרן יחיד קעגן די נאַטירלעכע געפאַרן פון זיין אומגעבונג. דאָס איז, אָבער, שטענדיק געווען באַגלייט מיט אַ פּרייז, וועלכן ער האָט געמוזט צאָלן פאַר דער פּראָטעקציע. די משפחה־איינהייט, וועלכע האָט געגעבן אירע יונגע, נאָך שוואַכע מיטגלידער אַ פאַר־זיכערונג פון זייער עקזיסטענץ, האָט מיט זיך געבראַכט די אויטאָריטעט פון דעם קאָפּ פון דער משפחה, וועמענס ווילן מען האָט זיך געמוזט אונטערוואַרפן. דאָרט וווּ עס האָט געהערשט מאַטריאַרך, איז דאָס געווען די מוטער, און דאָרט וווּ עס האָט געהערשט פּאַטריאַרך — דער פּאָ־טער.

מיט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג — די פאַראיי־ניקונג פון משפחות אין שבטים — איז די אומבאַגרענעצטע אומאָפּהענגיקייט פון דעם קאָפּ פון דער משפחה געוואָרן פאַרמינערט: ער האָט זיך געמוזט אונטערואַרדענען דעם עלטסטן פון שבט. דער אינדיווידועלער מיטגליד פון דער משפחה איז געוואָרן צוויי מאָל אונטערואַרדנט — סיי צום קאָפּ פון דער משפחה און סיי צום עלטסטן פון שבט. מיט דעם פאַראייניקן זיך פון שבטים אין נאַציעס איז נאָך מער געוואַקסן די מאָס פון שוץ, וועלכע דער אינדיווידו־עלער מענטש האָט באַקומען — פון איין זייט — און דער פּרייז וועלכן ער האָט דערפאַר געמוזט צאָלן, פון דער צווייטער זייט. ער האָט געמוזט שלום מאַכן מיט אַ גאַנ־צער ריי פון פערזענלעכע באַגרענעצונגען לטובת דעם גוטס פון כלל.

מיט אַן ערך צוויי טויזנט־פינף־הונדערט יאָר צוריק, אין דעם אָנהייב פון אונדזער היינטיקער מערבדיקער ציוויליזאַציע, האָט דער גריך פּלאַטאָ געחלומט וועגן אַן אידעאַלער מלוכה. ביזן היינטיקן טאָג אָבער איז נאָך

---

זאָגט אַדער ציטאַט פון תנ״ך, אָבער דער תנ״ך איז נישט קיין שותף צום קאָראַן. אין די הייליקע ספרים פון דער יידישער און קריסטלעכער אמונה — ווערדליק מאַכמעדן — זענען דאָ האַלבע אמתן, און ס׳איז דער קאָראַן, וואָס דער מלאך גבריאל האָט דירעקט דיקטירט צו מאַכמעדן, וואָס אַנטפּלעקט דעם גאַנצן און כוללדיקן אמת, ביזן לעצטן אות און קלאַנג.

יאָ, ס׳איז פאַראַן אַ טעאָלאָגישע קרובהשאַפט צווישן איסלאַם און יהדות, אָבער ריזיקע אונטערשיידן — די פאַרלייקענונג פון פרייען ווילן, מאַכמעד ווי דער „זיגל״ פון די נביאים, דער קאָראַן ווי דער שאַצקאַמער פון דעם פולן אמת — וואָס פאַרטונקלען און מינערן אָט־די קרובה־שאַפט.

פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען זענען פאַראַנטוואָרטלעך די מחברים גופא.

די דאגמע אז „גאט איז א דריטל פון דריי" האט אים אפגעשטויסן. צום נאענטסטן איז ער געווען באקאנט מיטן קריסטנטום אין סיריע, ווו די אידייע פון דער דריאייניקייט („דריי אין איינס") איז געווארן דריי־טעאיזם (דריי באזונדערע איינסן, דאס הייסט, דריי געטער). דער פאסטולאט אז ס'איז פאראן א בן־אדם, אדער ווער און וואס עס זאל נישט זיין, וואס איז אין דערזעלביקער בחינה מיטן באשעפער פון דער וועלט און אלצדינג אין דער וועלט, איז פאר אים געווען אן אומפארגעבלעכע זינד. אין מערב־אראביע, ספעציעל אין מעדינא, זענען געווען עדות יידן, וואס האבן — אגב, ווי די חלוצים אין דער מאדערנער צייט — קולטיווירט די אאזיסן אין מדבר און באארבעט די הארטע שטיינערנע ערד „אויסער דעם וואס זיי האבן זיך באשעפטיקט מיט מסחר אויף אן אימפאזאנטן שטייגער. צי מאכמעד האט זיך אויסגעטויגט אויף לערנען און שרייבן איז נישט באוווסט, אבער סיי־ווי האט ער זיך ווי־עס־איז אנגעגורט מיט מאטעריאל און מעשיות פון תנ"ך און תלמוד" (פון דער אגדה).

מאכמעד האט נישט מפקיר געווען דעם געדאנק פון אחדות הבורא, אבער מיט זיינע מיליטערישע דערפאלגן און מחמת ידדן האבן זיך נישט געטוליעט צו אים ווי דער „זיגל" פון די נביאים, האט ער געביטן זייך השגה וועגן גאט, און דער גאט פון יהדות איז מגולגל געווארן אין אן אראבישן שייך אויף א קאסמישער קאנווע. דער גאט פון צדק און גנאד, פון יושר און רחמים, איז געווארן דער גאט פון רויער מאכט, וואס האט געשמידט די וועלט אין קייטן, מיט דעם וואס ער האט אלץ פאראויס באשטימט, און אין די שפעטערדיקע סוראס (קאפיטלען) פון דעם קאראן איז דא דער רמז, דער אנווונק, אז דער מענטש פארמאגט לחלוטין נישט קיין בחירה, קיין פרייען ווילן, אז אלצדינג איז דיריגירט פון אלא, אפילו ווער עס זאל גלייבן און ווער נישט.

די תלמודישע מימרא „הכול בידי שמים חוץ מיראת שמים" (אלצדינג איז אין די הענט פון גאט אויסער די אכפערקייט פאר גאט) וואלט נישט אריינגעפאסט אין אט־די סוראס, ווי אויך נישט דער אנזאג אין חומש דברים: ראה נתתי פניך היום את־החיים ואת־הטוב ואת המות ואת־הרע (זע, איך האב היינט געלייגט פאר דיר לעבן און גוטס, און טויט און שלעכטס — תרגום יהואש). לויטן קאראן האט נישט דער מענטש אט־די ברירה: עס איז אין דעם רשות פון אלא, און ער באשערט אלצדינג. ס'איז דא א שייכות צווישן דעם „נתתי לפניך" און דעם לויטערן, דערהייבנדיק אנזאג אין פרקי אבות אז דער שכר פאר א מצוה איז די מצוה אליין, דאס הייסט, די גליקזעליקייט און ליכטיקייט און שלווה וואס פילן אן די נשמה, און די שטראף פאר אן עבירה איז די עבירה גופא, דאס הייסט, די פינצטערניש און צעשפאלטנקייט וואס הילן איין די נשמה און לעשן אויס די פונקען פון פרייד און קדושה. אט־א־די אויסטייטשונג פון שכר ועונש (באלוינונג און שטראף) וואלט מאכמעדן געווען פרעמדלעך.

מאכמעד האט טאקע געקלאמערט אינעם מאנאטעאיזם און האט זיך נישט באצירט מיט געטלעכע אטריבוטן און האט זיך נישט באווארנט מיט נסים ווי א ראיה אז ער איז מער ווי א מענטש. ער האט זיך אבער פראקלאמירט ווי דער ענדגילטיקער שליח פון אלא, און די מידה פון באשיידנקייט, פון אידעלער ענוות, איז נישט געווען אין זיין טבע. אין דעם קארדינאלן עיקר אין איסלאם, וואס באגלייט איטלעכן מוסולמאן אלע שעהן פון טאג, וואס ווערט איבערגעחזרט אן א שיעור, וואס איז פאראן אין יעדן געבעט, וועבט ער זיך אריין צוזאמען מיט גאט, מיט אלא: „נישטא קיין גאט, חוץ אלא, און מאכמעד איז זיין נביא". ס'איז אזוי ווי אין דער יידישער טראדיציע וואלט מען צו דעם „שמע ישראל אדושם אלקינו אדושם אחד" צוגעגעבן דעם נאמען פון א נביא, למשל, פון משה רבינו. דאס איז אן אקט פון גאווה, פון עגאצענטרישקייט כלפי דעם באשעפער, דעם בורא עולם, וואס איז דורכאויס אן אפטייג פון דעם יידישן מאנאטעאיזם. אין דער הגדה, ביים פסחדיקן סדר, וואס פאראייביקט די „מעשה" פון יציאת מצרים, ווערט משהס נאמען דערמאנט בלויז איינמאל, ווי אויף דעם ראנד פון דער מעשה.

מאכמעד האט זיך נישט באנוגנט מיטן טיטל נביא, נאר איז באשטאנען אויף דעם אז ער איז דער גרעסטער פון די נביאים, דער „חותם", דער „זיגל", פון די נביאים, אז די זענען געווען נישט מער ווי זיינע פארגייערס, און ער דערפילט און דערגאנצט זייער שליחות. ער איז באשטאנען אויף דעם אז ער האט דערגרייכט השלמה, דעם סאמע שפיץ פון דעם לייטער. דאס פירט דאך צו דער מסקנא אז דער פראצעס פון רעליגיעזער וויזיע, פון פראגרעס, האט זיך פארענדיקט. נו, אוודאי, אויך אין דער מסורה ביי יידן איז אנגענומען אז די נבואה האט זיך געשלאסן, אבער עס איז נישטא קיין נביא וואס זיין נאמען פארט זיך מיט גאט אינעם „שמע ישראל", און דאס נביאישע ווארט, די בענקשאפט און דאס שטרעבן צו סאציאלער און עטישער גאולה, האט זיך נישט אויסגעשעפט, און דאס הארץ פון יידישקייט איז דער שטראלנדיקער געבאט, דער מאראלישער און רעליגיעזער אימפעראטיוו אין חומש דברים: צדק, צדק תרדוף (גערעכטיקייט, גערעכטיקייט זאלסטו נאכיאגן).

אי קריסטנטום און אי איסלאם זענען זיך סומך, שפארן זיך אן, אויף די יידישע כתבי קודש, אויפן תנ"ך. דער תנ"ך איז טעארעטיש, ווערדליך דער דאגמע פון דער קירכע, אן אינטעגראלער טייל פון דער קריסטלעכער ביבל. הגם די אויסטייטשונג איז לגמרי אן אנדערע, מיטן צוועק צו באווייזן אז אינעם תנ"ך ווערט פאראויסגעזאגט דאס דערשיינען פון ישו (יעזוס) ווי דער משיח. סיי יידישע און סיי אביעקטיווע קריסטלעכע געלערנטע באשטעטיקן אז די אויסטייטשונג האט קיין גרונט נישט און איז לכן א פאלשע. נאר וואס־זשע דען, עס זענען שטענדיק געווען קריסטלעכע יחידים און גרופעס וואס זענען באאיינפלוסט געווארן און אזעלכע וואס זענען נתפעל געווארן פון דעם סאציאלן און עטישן חזיון פון די נביאים, פון דעם כוח און פאטאס פון זייער ווארט.

אין קאראן איז פאראן דא און דארטן א פראזע אדער א

מאכמעד האט טאקע געקלאמערט אינעם מאנאטעאיזם

ד״ר עזריאל נאַקס

# וואָס פאַר אַ רעליגיע איז דער איסלאַם?

איסלאם איז די רעליגיע פון די אראבישע לענדער אין מיטעלן מזרח, ווו עס געפינט זיך דאך אויך מדינת ישראל, און אפילו אין מדינת ישראל זענען פאראן אן ערך זיבן הונדערט טויזנט אראבער און אויפן מערב־ברעג און אין דעם עזה־פאס זענען פאראן איבער א מיליאן. א גאר קליי־נער טייל פון די אראבער אין אט־די לענדער זענען קריסטן, און אזוי אויך אין מדינת ישראל. בלויז אין לבנון איז דא א היפשע קריסטלעכע צאל, איבער פערציק פראצענט. דער שטח פון איסלאם איז אבער א סך גרעסער, און שטרעקט זיך ווייטער ווי די גרענעצן פון די אראבישע לענדער.

איסלאם איז די הערשנדיקע רעליגיע אין גאנץ צפון־אפריקע, אין אועלסע לענדער אין אזיע ווי פאקיסטאן, אפגאניסטאן און נאך, מיט אן אנזעעוודיקער מינאריטעט אין אינדיע (איבער 60 מיליאן). אין דער קריסטלעכער אייראפע זענען אויך פאראן איסלאמישע ווינקלען — אל־באניע, טערקיי (וואס געפינט זיך אין אייראפע און אזיע), אין יוגאסלאוויע, אין דעם סאוויעטן־פארבאנד. עס איז שווער צו זאגן אקוראט וואס עס איז דער פארנעם פון איס־לאם, וואַרשיינלעך איבער פיר הונדערט מיליאן, דאס הייסט, אין כמות איז איסלאם אויפן צווייטן ארט, נאכן קריסטנטום, וואס האט איבער ניין הונדערט מיליאן צו־געהעריקע. אינעם צוואנציקסטן יארהונדערט אבער זענען פיל מער יחידים און שבטים איבערגעגאנגען פון זייערע פרימיטיווע גלויבנס צום איסלאם ווי צום קריסטנטום, באזונדערס אין אפריקע, מחמת דער איבערצייגונג אז אימ־פעריאליזם אדער קאלאניאליזם האט זיך פארפלאכטן מיטן אייראפעאישן קריסטנטום, ווי אויך ווייל איסלאם האט נישט געקוקט פון אויבן אראפ אויפן שווארצן מענטשן אין אפריקע און האט אים נישט באטראכט ווי א נידע־ריקערע בריאה.

ס׳איז אינטערעסאנט און באלערנדיק צו באמערקן אז ביז נישט לאנג צוריק פלעגט מען אין אייראפע און אמע־ריקע באצייכענען איסלאם מיטן נאמען מאכמעדאניזם, נאכן גרינדער זיינעם. ס׳איז געווען אן אפשפיגלונג פון קריסטנטום: היות קריסטנטום באצייכנט זיך מיטן נאמען פון איר גרינדער (אייגנטלעך איז דאס נישט געווען ישו־יעזוס, נאר שאול פון תרשיש), און איז מתפלל צו אים ווי א פארקערפערונג (אינקארנאציע) פון גאט, איז דאס אויך אנגעווענדט געווארן אויף איסלאם, מיטן אנרופן די רעליגיע נישט לויט איר אינהאלט, נאר לויט איר גרינדער. אגב, פארוויקלט אין דעם איז א טיפער אמת: אז קריסטנטום איז נישט די אמונה פון יעזוסן, ווארעם דאס איז געווען ידישקייט, נאר אן אמונה וועגן און ארום יעזוסן; ממילא איז מעגלעך געווען פארן קריסטנטום אי־בערצורייסן מיט דער תורה, מיט תרי״ג מצוות, אחוץ די עשרת הדיברות, די צען געבאטן, און אויך דא אריינטראגן ענדערונגען, שינוים, ספעציעל בנוגע שבת.

וואס די אפשאצונג פון מאכמעדן זאל נישט זיין, סיי וועגן זיין לערע און סיי וועגן זיין כאראקטער און הנהגה, איז איין זאך קלאר: ער האט נישט געשטרעבט צו דעם, און האט באין אופן נישט דערלויבט, מען זאל אים דעאי־פיצירן (פארוואנדלען אין א גאט). און אין דעם האט ער קיינמאל נישט געצעגערט און קיינמאל נישט געמאכט קיין פשרה. ער האט באטאנט אז ער איז איינס מיט אלא, מיט גאט אין רצון — גאטס ווילן איז זיין ווילן און ער איז דאס מקבל באהבה — אבער אז ער איז בפירוש נישט איינס מיט גאט אין עצם־מהות, אין וועזנטלעכקייט.

איסלאם, נישט מאכמעד׳אניזם, איז דער נאמען פון דער רעליגיע, און איסלאם באטייט אונטערטעניקייט, הכנעה, אונטערווארפן זיך דעם ווילן פון גאט, פון אלא. פון דעם דארף מען דרינגען אז ס׳איז נישטא אין איסלאם קיין פארמיטלער צווישן דעם מענטשן און אלא, ווי ס׳איז פאראן אין קריסטנטום, ווו דער וועג צו גאט איז בלויז דורך יעזוסן. צווישן די רעליגיעס פון דער וועלט ווערן נאר פיר פאררעכנט ווי מאנאטעאיסטיש (אחדות הבורא, די איינציקייט פון גאט): יהדות, קריסטנטום, איסלאם, סי־קיזם (אויפגעקומען אין אינדיע, סוף פופצעטן יארהונ־דערט, האט וואסערע 5 - 6 מיליאן אנהענגערס). וואס שייך די פיר איז אויך פאראן א חילוק: די צענטראלע פיגור אין קריסטנטום, יעזוס, און אין סיקיזם, נאנאק, זענען דעאי־פיצירט געווארן.

ס׳איז נישט קיין פארגלייך צווישן משה רבינו און להב־דיל מאכמעדן, אפילו ווען מען „באפרייט" אים פון די לע־גענדעס וואס רינגלען אים ארום, איז נאך אלץ גילטיק היינעס קלוגער און וואונדערלעכער עפיגראם: „ווי קליין דער בארג סיני האט געמוזט אויסזען ווען משה איז אויף אים געשטאנען". פונדעסטוועגן טאר מען נישט פארליי־קענען דעם היסטארישן פאקט אז צווישן די גרינדערס פון רעליגיעס זענען זיי די איינציקע מיט דעם וואס זיי האבן בעת זיי האבן געלעבט גאר שטרענג אפגעהיט דעם פרינציפ פון אחדות הבורא און האבן אים אזוי שארף און בולט פארמולירט פאר די דורות נאך זיי אז דער מאנ־טעאיזם איז פארבליבן אויף תמיד סיי דער יסוד און סיי די קרוין פון זייערע אמונות.

וואס זענען די אונטערשיידן צווישן איסלאם און יה־דות?

פאראן טעאלאגישע קרובהשאפט צווישן זיי. די סיבה איז א פשוטע: אין דעם ידישן מאנאטעאיזם, אין דעם ידישן באגריף פון אחדות הבורא, האט מאכמעד דער־בליקט דעם ענטפער אויף זיינע זוכענישן און אויף זיין אומצופרידנקייט מיט דער עבודה זרה אין מעקא און אין גאנץ אראביע. סיי יהדות און סיי קריסטנטום האבן אויף אים משפיע געווען, אבער אויף אנטקעגנדיקע אופנים.

בלייבן אין בעקא טאל און אין צפון פון לבנון מיט אדער אן אן אפיציעלער אנעקסיע פון דער טעריטאריע.

אמעריקע האט זיך ווידער ארויסגעוויזן אלס דער קאלאס מיט ליימענע פיס. דאס איז א רעזולטאט פון דעם וויעטנאם סינדראם. דער אמעריקאנער קאנגרעס; די אמעריקאנער עפנטלעכע מיינונג וועט נישט טאלערירן קרבנות פון „אמעריקאנער באיס" אין א שטח, וואס הייסט לבנון.

אין דעם זומפיקן לבנון שטח וועט אמעריקע פארפירן און פאראטן איר פריינד אמין דזשעמייעל און די קריסטלעכע געזעלשאפט פון אלע גרופירונגען. זי וועט פאראטן די אספיראציעס פאר א סוווערענע, פאראייניקטע לבנון מדינה.

אויפן חשבון פון לבנון וועט אמעריקע מסכים זיין אויף דער פאקטישע אנעקסיע פון דעם בעקא טאל אין דער צפון געגנט פון לבנון דורך סיריע, גלויבנדיק נאיוו, אז מיט אזעלכע קאנצעסיעס וועט זי רעדוצירן דעם סאוויעטישן איינפלוס אין סיריע.

דאס רעשט פון לבנון וועט זיך מיט דער ברכה פון אמעריקע פונאנדערטיילן אין קלענערע און גרעסערע קאנטאנען מיט פעאדאלע מושלים, מאניפולירט, באאיינפלוסט, געשטיצט און קארומפירט פון די 3 אקטיארן אין דער ליבאנעזישער דראמע: סיריע, אמעריקע און ישראל.

דער אזוי גערופענער „נאציאנאלער אויסגלייך" וועט אין בעסטן פאל ווארשיינלעך נאר שאפן א לויזע פעדעראציע פון די קלענערע און גרעסערע קאנטאנען מיט אן אוממעכטיקן „צענטראלן" רעזשים.

רעליגיעזער פאנאטיזם איז כסדר געווען דעסטרוקטיוו. די שולד טראגן בלי ספק די פעאדאלע סאטראפן פון די פארשידענע גרופן. אבער די הויפט שולד און פאראנטווארטלעכקייט טראגט די אזוי גערופענע ציוויליזירטע וועלט.

אין די צייטן פון דער אטאמאנישער אימפעריע זענען עס געווען די אייראפעאישע אימפעריאליסטישע מלוכות. אויסנוצנדיק די שוואכקייט פון דער טערקישער אימפעריע האבן זיי אלע אינטריגירט און געהעצט אין די פארהעלטענישן צווישן אלע רעליגיעזע גרופן. די פראנצויזן האבן געשטיצט און געהעצט די מאראניטן קעגן אלע אנדערע גרופן. די ענגלענדער האבן געשטיצט די דרוזן. די עסטרייכישע אימפעריע — די גריכישע קאטאליקן. דאס צארישע רוסלאנד — די גריכיש־ארטאדאקסישע גרופע. זיי אלע האבן געצילט אריינצושטעלן א פוס אין דער געגנט.

היינט ראנגלען זיך אין דער טעריטאריע די צוויי גרויסמאכטן. סאוויעט רוסלאנד נוצט אויס די חלומות פון דעם סירישן דיקטאטאר כאפעץ אסאד צו שאפן א „גרויס סירישע אימפעריע" און ארומצוזינגלען ישראל פון צפון. — אמעריקע איז אין דער דעפענסיווע — שטרעבנדיק צוריקצושטעלן דעם „סטאטוס קוואָ אנטע".

היות דער געשפענסט פון דעם וויעטנאם סינדראם שוועבט נאך אלץ איבער דער אמעריקאנער עפנטלעכער מיינונג, שטרעבט די אמעריקאנער אדמיניסטראציע צו איבערקויפן סיריע מיט קאנצעסיעס. צו אנערקענען סיריעס „לעגיטימע" אינטערעסן אין לבנון. דער טעות פון דעם אמעריקאנער צוגאנג באשטייט אין דעם, וואס איינזעענדיק, אז די סאוויעטישע קארט ברענגט אמעריקאנער קאנצעסיעס, וועט כאפעץ אסאד נישט רעדוצירן, נאר פארשטארקן די סאוויעטישע קארט אויסצופרעסן מער קאנצעסיעס. דאס איז דער שטייגער פון דיקטאטארן.

ישראל האט נישט קיין טעריטאריאלע צילן אין לבנון. די מערך רעגירונג האט אנגעהויבן די פארבינדונגען און שטיצע פאר די מאראניטן קריסטן אין זייער קאמף קעגן דער פ.ל.א. די ליכוד רעגירונג האט די דאזיקע שטיצע פארגרעסערט, ווען דער פארנעם פון דעם פ.ל.א. ארסענאל האט געשאפן אן עקספלאזיוו סיטואציע.

אין דער געענדערטער לאגע, ווען עס גייט אן א קאמף צווישן די מאראניטן און דרוזן איז ישראל נישט פאראינטערעסירט זיך צו אידענטיפיצירן מיט די מאראניטן קעגן די דרוזן. די ישראל־מאראניטן פארבינדונג האט זיך אפגעקילט. ישראל שטיצט נישט די מאראניטן קעגן די דרוזן. אדרבא — ישראל האט אנגעקניפט פארבינדונגען מיט די דרוזן, ווייל דער איינציקער ציל פון ישראל איז, אז דער דרום טייל פון לבנון זאל ווערן א פריינדלעכע נייטראלע זאנע אין באצוג צו ישראל און דאס איז אויך אין די אינטערעסן פון די דרוזן.

## ברייטער פארמעסט פון שלום עליכם־קאלעדזש

די אינטענסיווע אקציע פארן פאנאנדערבוי פון דער איינציקער טאג־שול אין יידיש, אין מעלבורן — האט זיך פארענדיקט מיט א פייערלעכן אוונט, אפגעהאלטן שבת, דעם 22טן אקטאבער ה.י. אין גרויסן זאל פון קאולפילדער שטאט־ראט.

ביי א פול־געפאקטן זאל (און עסטעטיש געדעקטע טישן) עפנט דער פארזיצער פר' שמחה וואלסקי דעם אוונט און גיט דאס ווארט דעם פרעזידענט פון אפיל פר' טאני רובינשטיין, וועלכער רופט די פארזאמלטע צו מאכן אלע אנשטרענגונגען, אז די בוי־אקציע זאל געקרוינט ווערן מיט דערפאלג.

אין נאמען פון „באארד אף דעפיוטיס" האט באגריסט פר' שמואל ראזענקראנץ.

פארזיצער פון ש"ע קאלעדזש, פר' גריפענבערג, מאכט א סך־הכל פון דער אפגעטוענער ארבעט און צייכנט אן די פלענער און אויפגאבן פון דער שול, פאר דער צוקונפט.

גאסט־רעדנער איז געווען די פעדאגאגין, פרוי דאניעל חר"ג, וועלכע האט רעפערירט וועגן דער באדייטונג און די אויפגאבן פון יידישער דערציאונג.

א גרויס אנזען אין פראגראם פון אוונט זענען געווען די ארויסטרעטונגען פון די שילער פון דער טאג־שול. אין א פיינעם יידיש האבן די שילער רעציטירט, געזונגען און דורכגעפירט סצענקעס, וועלכע זענען געווען ארטיסטיש געלונגען.

צום דערפאלג פון דער פייערונג האט אויך בייגעטראגן דער אקטיווער עלטערן־קאמיטעט מיט זיין דערפארענער צוגרייטונג פון די טעכנישע און קולינארער איינריכטונג.

ציילונג פון 1932. דער „באַלאַנס" האָט געגעבן דעם אַמט פון פּרעזידענט צו מאַראָניטן. דער פּרעמיער — אַ סוני מוסלמענער. דער פּרעזידענט פון פּאַרלאַמענט — אַ שיאַ מוסלמענער. זיין פאַרטרעטער — אַ גריכיש־אָרטאָדאָק־סישער קריסט.

דער „באַלאַנס" האָט שוין נישט מער אָפּגעשפּיגלט די דעמאָגראַפישע פאַרהעלטנישן פון די פאַרשידענע גרופּן, וואָס האָבן זיך שטאַרק געענדערט זייט 1932. די פּאָלאַרי־זאַציע האָט זיך נאָך מער פאַרגרעסערט צוליב דעם נאַ־סערסטישן פּאַן־אַראַביזם. צו די רעליגיעזע עמאָציעס זענען צוגעקומען נאַציאָנאַליסטישע עמאָציעס.

די קריסטן האָבן מורא באַקומען, אַז זיי וועלן איינ־געשלונגען ווערן פון פּאַן־אַראַביזם און האָבן געווענדעט זייער בליק צו ישראל. מאַכמעדאַנער באַאיינפלוסט פון נאַציאָנאַליסטישן פּאַן־אַראַביזם און אונטערן דרוק פון די מיליטאַנטישע מאַראָניטן, האָבן געווענדעט זייער בליק צו סיריע.

די עקספּלאָסיווע סיטואַציע האָט דעטאָנירט אין 1970־1971, ווען מאַסן פּאַלעסטינער זענען פאַרטריבן געוואָרן פון ירדן און זיך באַזעצט אין דרום טייל פון לבנון. דער נייער פּאַלעסטינער מיליטאַנטישער עלעמענט פון ירדן איז געוואָרן די לעצטע שטרוי, וואָס האָט צעבראָכן דעם פאַרהויקערטן „באַלאַנס" פון ליבאַנעזישן קעמל. צוזאַמען מיט אַנדערע מאַכמעדאַנישע גרופּן האָבן זיי צעפּלאַקערט אַ בירגער קריג מיט שחיטות, וואָס האָבן דערמאָנט די אַלטע צייטן. אין דעם בירגער קריג האָט סיריע מאַניפּו־לירט בײדע צדדים, ווי מאַריאָנעטן און דערגרייכט איר ציל: באַזעצן לבנון, וואָס אירע גרענעצן און סוווערעניטעט האָט סיריע קיינמאָל נישט אָנערקענט.

עס איז נישטאָ קיין האָפענונג אַז די טעריטאָריע, וואָס הייסט היינט לבנון זאָל ווידער ווערן אַ פאַראייניקטע, זעלבשטענדיקע מדינה מיט אַ צענטראַלער ווירקזאַמער רעגירונג אין ביירוט. די צעריסנקייט פון די פאַרשידענע גרופּן איז צו גרויס. די רייד וועגן אַ באַלאַנס צווישן דער קריסטלעכער און מוסלמענישער געזעלשאַפט נעמען נישט אין באַטראַכט, אַז עס איז נישט קיין געאייניקטע אָדער מוסלמענישע אָדער קריסטלעכע געזעלשאַפט.

סולעימאַן פראַנדזשיע (געוו. פּרעזידענט) קאָנטראָלירט די קריסטלעכע מאַראָניטן באַפעלקערונג אין די בערג פון לבנון. פּיער דזשעמאַיעל הערשט איבער דעם קריסט־לעכן מאַראָניטן געביט אין דער קעסרואַן געגנט. די ביידע קריסטלעכע מאַראָניטן גרופּן זענען זיך בלוט שונאים. אַ חוץ דעם זענען פאַראַן גריכישע קאַטאָליקן און גריכישע אָרטאָדאָקסישע קריסטן אין פאַרשידענע ווינקלען.

ראַשיד קאַראַמע (געוו. פּרעמיער) איז דער מושל פון די סוני מוסלמענער אין דער טריפּאָלי געגנט. וואַליד סאַלאַם (געוו. פּרעמיער) הערשט איבער די סוני־מוסול־מענער אין ביירוט. וואַליד דזשימבלאַט (דער מיליאָנער־סאָציאַליסט) שטייט אין שפּיץ פון די דרוזן אין די שוף בערג.

צו דעם אַלעם טאָר מען נישט פאַרגעסן אַז די שיאַ מוסלמענער (היינט די גרעסטע רעליגיעזע גרופּע) זענען די אָרעמסטע און פּאָליטיש מאַכטלאָזע.

דאָס אַלץ אין אַ „באַפעלקערונג" פון דריי מיליאָן.

אַ פּריוויליקער צענטראַלער רעזשים, וואָס זאָל עפעק־טיוו רעפּרעזענטירן די אַלע גרופּן אַלס אַ „ליבאַנעזישן פאָלק" אין די טעריטאָריאַלע ראַמען וואָס די פראַנצויזן האָבן אַמאָל אָנגעצייכנט אַלס אַ „לבנון מדינה" — איז אַן אילוזיע, וואָס איגנאָרירט געשיכטע.

## ישראל, סיריע און אַמעריקע

אין יוני 1982 האָט ישראל נישט געהאַט קיין ברירה. לבנון אַלס אַ סוווערענע מדינה האָט מער נישט עקזיסטירט זייט 1976. סיריע האָט דע פאַקטאָ אַנעקסירט דעם בעקא־טאָל, דעם גאַנצן מזרח טייל און צפון טייל פון לבנון, וואָס זי האָט פאַרוואַלטעט פון דמשק.

אין ביירוט האָט סיריע סטאַציאָנירט אַ גאַנצע דיוויזיע. דער כלומרשטער פּרעזידענט פון לבנון איז פּראַקטיש באַשטימט געוואָרן פון סיריע. דרום לבנון איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיניאַטור פּ.ל.אָ. מלוכה פון טעראָר און מאָרד קעגן דער לאָקאַלער באַפעלקערונג און אַ מיליטע־ריש־טעראָריסטישע באַזע מיט אַרטילעריע, ראַקעטן און טאַנקען, וואָס האָבן באַשאָסן דעם גליל.

אַ מערך רעגירונג וואָלט אויך אַנדערש נישט גע־האַנדלט (מיט דעם אונטערשיד, אַז די ליכוד אַלס אָפּאָזיציע וואָלט פול געשטיצט אַזאַ אַקציע). ווען אַ מערך רעגירונג וואָלט היינט געקומען צו דער מאַכט, וואָלט זי נישט גלייך צוריקגעצויגן די ישראל־אַרמיי און דערלויבט די פּ.ל.אָ. ווידער צו באַהערשן דעם דרום טייל פון לבנון. די ישראל רעגירונג (פון ליכוד אָדער מערך) וועט צוריקציען איר אַרמיי פון דרום לבנון, נאָר ווען זי וועט נייטראַליזירן די דאָזיקע געגנט, דורך אויפשטעלן לאָקאַלע אַראַבישע מי־ליציעס, וואָס וועלן זיין בכוח נישט צו דערלויבן די פּ.ל.אָ. ווידער אַריינצודרינגען אין דער געגנט. די דאָזיקע אַראַבישע מיליציעס ווערן אויסגעשולט, באַוואָפנט און געשיצט דורך דער ידישער מדינה.

ישראל האָט דערגרייכט איר סטראַטעגישן ציל. די פּ.ל.אָ. אַלס אַ מיליטעריש־טעראָריסטישער כוח, וואָס האָט באַדראָט דעם גליל — עקזיסטירט נישט מער. אַפילו דער וועלט פּאָליטישער איינפלוס פון דער פּ.ל.אָ. איז צעבראָכן געוואָרן אין רעזולטאַט פון דער מיליטערישער מפּלה וואָס די פּ.ל.אָ. האָט געליטן אין ביירוט.

דער פּאָליטישער ציל (פון ישראל און אַמעריקע) צו העלפן שאַפן אַ שטאַרקע צענטראַלע רעגירונג מיט באַשיר דזשעמיעל בראש איז געווען אַן אילוזיע, וואָס האָט איג־נאָרירט געשיכטע.

באַשיר דזשעמיעל (די סיריער האָבן אים דערמאָרדעט) וואָלט אין קיין שום פאַל נישט געוואָרן דער גאַריבאַלדי פון לבנון, ווייל די עטניש־רעליגיעזע צעריסנקייט פון לבנון קאָן מען נישט פאַרגלייכן מיט דער עטניש־רעלי־גיעזער גאַנצקייט פון איטאַליע.

אַזוי ווי די לאַגע זעט אויס היינט, וועט סיריע פאַר־

ליכוד. ער באטאנט, אז די עמאציאנעלע רעאקציע פון יידן אין ישראל און אין די תפוצות צו דער בעגין פאליטיק איז א רעזולטאט פון יידישער מאכטלאזיקייט און הילפלאזיקייט אין דער היטלער תקופה.

אין דעם טיפסטן געוויסנס באוווסטזיין האט די גאנצע יידישע וועלט נאך נישט שלום געמאכט, און ווארשיינלעך קיינמאל נישט שלום מאכן מיט דער רעאקציע פון דער מערב וועלט, צו היטלערס מלחמה קעגן די יידן.

אין די 30־יארן און בעת דער מלחמה האט דאס וועלט־יידנטום נאר געקאנט בעטן א ביסל רחמים. די מערב־וועלט האט ציניש, געוויסנסלאז און אן רחמנות פארפירט און פאראטן די יידן.

בעגינס אופן פון רעפרעזענטירן די אינטערעסן פון מדינת ישראל אויף דער אינטערנאציאנאלער ארענע, זיין ווירדיקע און עקשנותדיקע שטעלונג ווען עס האנדלט זיך אין די לעבנס אינטערעסן פון דער יידישער מדינה — סימבאליזירט די טראנספארמאציע פון יידישן פאלק.

אין קעגנזאץ צו דער פאזיטיווער אפשאצונג פון דער בעגין תקופה און בעגינס פערזענלעכקייט אין דער אלגעמיינער וועלט פרעסע, איז די אפשאצונג פון דער ישראל פרעסע געווען, מיט געוויסע אויסנאמען, אדער א צביעות־דיקע אדער א גאר ביזוויליקע.

די היפאקריטישע זשורנאליסטן האבן געלויבט בעגינס שטאטסמאנשאפט בכן ער האט פארשטאנען, אז ער דארף רעזיגנירן... די ביזוויליקע האבן פארשפרייט אינסינואציעס וועגן בעגינס גייסטיקן צושטאנד, מרה שחורה און אפילו א דראנג צו באגיין זעלבסטמארד...

סיי די היפאקריטן, סיי די ביזוויליקע האבן בעגינען געמאכט פאראנטווארטלעך פאר די 517 ישראלים, וואס זענען אומגעקומען אין דער לבנון מלחמה, אן אומזיסטע אוואנטורע.

אורי צבי גרינבערג האט אמאל באצייכנט אזא ניווא פון זשורנאליזם מיט א ניי ווארט זשורנאליע.

## לבנון — געשיכטע און אילוזיע

ראבערט מעקפארלעין האט אין סך הכל פון זיינע פארהאנדלונגען איינצושטעלן שלום אין לבנון אויפגעקלערט. „פאראן א סך נייק־וואטערס, די פאררופן זיך אויף געשיכטע פון פארביטערונג און געוואלט־טאטן; א געשיכטע פון צעריסנקייט און געראנגל, אבער, ווי פרעזידענט רייגן האט זיך אויסגעדריקט: עס איז פאראן א צייט אויפצוהערן לייענען געשיכטע, בכדי צו מאכן געשיכטע“.

מעקפארלעין און פרעזידענט רייגן זענען נישט די ערשטע צו איגנארירן געשיכטע, בכדי צו מאכן געשיכטע. פאר זיי איז געווען האשעקס העלד — דער גוטמוטיקער סערזשאנט שוועיק. איגנארירנדיק געשיכטע האט סערזשאנט שוועיק באשלאסן צו מאכן געשיכטע — איינצושטעלן שלום צווישן דעם פייגעלע אין דער שטייג מיט דער קאץ. האט ער געעפנט דאס טירל פון שטייג און באפוילן די קאץ צו שפילן זיך מיטן פייגעלע...

אויך די אלגעמיינע פרעסע זינדיקט אויפן געביט פון געשיכטע. אין זייערע אנאליזן און פראגנאזן פאר דער ווידערעטאבלירונג פון א סוווערענער לבנון ווערט איגנארירט די געשיכטע פון לבנון. דערפאר זענען די אפשאצונגען פאלש און די פראגנאזן — אן אילוזיע.

דער פראמינענטער ליבאנעזישער היסטאריקער קאמאל סאליבי שטרייכט אונטער, אז די גרענעצן פון לבנון זענען ביי און די באפעלקערונג אזוי פארשידנארטיק „אז עס איז שווער פאר א היסטאריקער צו רעדן וועגן א ליבאנעזישן פאלק אן רעזערוואציעס“...

דאס היינטיקע לבנון שמעלצט צוזאמען טעריטאריעס און עטנישע, רעליגיעזע גרופן, וואס האבן אמאל געהערט צו פארשידענע אטאמאנישע ראיאנען פון דער אטאמאנישער אימפעריע.

לענגאויס פונעם ים ברעג פון צידון ביז טריפאלי זענען אמאל געווען דריי אדמיניסטראטיווע געביטן, שפעטער צוזאמענגעשמאלצן אין איינעם — פארוואלטעט פון ביירוט. דער הר־לבנון ראיאן, ווו עס וווינען די דרוזן און די מאראניט־קריסטן, איז געווען א כמעט אויטאנאמישער ראיאן, פארוואלטעט פון איסטאמבול. דער בעקא־טאל ווו עס וווינען די שיא מוסולמענער און גריכישע קאטאליקן האט געהערט צום געביט פון דמשק.

דאס היסטארישע לבנון, איז די הר־לבנון געגנט — א בארגקייט פון דזשביעל און קעסרואן אין צפון ביז צו די שוף בערג אין דרום. פאר די לעצטע דריי הונדערט יאר איז די געגנט געווען א פולווער־פאס — קעגנזייטיקע שחיטות צווישן די דרוזן און די מאראניטן. אין 1843 האבן די טערקן פונאנדערגעטיילט דעם ראיאן אין צוויי טיילן כדי צו סעפארירן די דרוזן און מאראניטן. דאס האט גורם געווען נאך מער שחיטות. שפעטער האבן די טערקן מיט מער דערפאלג איינגעשטעלט א רעזשים, באזירט אויף א רעליגיעזן באלאנס צווישן די צוויי גרופן.

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען פראנקרייך האט באקומען פון דער פעלקער ליגע דעם מאנדאט איבער דער טעריטאריע, וואס היינט הייסט סיריע און לבנון, האט זי פאראייניקט דעם בעקא־טאל, וואס האט פריער געהערט צום דמשק־ראיאן, צו דעם שטח, וואס זיי האבן פארוואלטעט, אלס לבנון.

אזוי ארום האבן די פראנצויזן געשאפן א „גאנצקייט“ פון לבנון, וואס האט נאך מער פארגרעסערט די צעריסנקייט פון די עטנישע און רעליגיעזע גרופן אין זייער לבנון (א טראדיציאנעלע מעטאדע פון א קאלאניאלער מאכט צו פארזיכערן איר הערשאפט).

דער „נאציאנאלער פאקט“ פון 1943 (די קאנסטיטוציע), וואס האט אנגעצייכנט די ראמען פאר א דעמאקראטישער און סוווערענער לבנון מדינה, באזירט אויף א רעליגיעזן באלאנס פון פארשידענע גרופן, האט געשאפן א רעזשים וואס האט געשטארקט די פעאדאלע טענדענצן און קארופציע פון די סאטראפן, וואס האבן געהערשט איבער די היזיקע גרופן.

דער „באלאנסירטער“ רעזשים לויטן „נאציאנאלן פאקט“ פון 1943 האט זיך געשטיצט אויף אן אלטער פאלקס־

ד״ר מ. פערשטענדיק

# אַנטוויקלונגען אין און אַרום ישראל

(ראַנד־באַמערקונגען)

### די רעזיגנאַציע פון מנחם בעגין

דער אָפּקלאַנג און די קאָמענטאַרן אין דער וועלט־פרעסע אַרום דער רעזיגנאַציע פון מנחם בעגין זענען געווען אויסערגעוויינלעך. נישט געווען אַ טאָג צייטונג, אַ צייטשריפט, וואָס זאָל נישט האָבן געווידמעט קאָמענטאַרן, אָפּשאַצונגען, שפּעקולאַציעס וועגן אָט דער געשעעניש — די רעזיגנאַציע פון פּרעמיער־מיניסטער פון מדינת ישראל.

אַ פּרעצעדענטלאָזע וועלט אויפמערקזאַמקייט אין באַצוג צו אַ מנהיג פון אַ קליינער מדינה.

די אָפּשאַצונגען וועגן מנחם בעגינס פּערזענלעכקייט זענען געווען אין אַלגעמיין פּאָזיטיווע. מער וויניקער אין דעם נוסח. „אַ פּאַטריאָט מיט אַ טיפער פאַרשטענדעניש פאַר דעם גאַנג פון היסטאָרישע אַנטוויקלונגען און פון ישראלס פּלאַץ אין דער געשיכטע".

אייגנטלעך איז די ווענדונג אין דער היסטאָרישער אָפּשאַצונג פון מנחם בעגין געקומען נאָך איידער ער האָט באַשלאָסן צו רעזיגנירן.

דעם 70־טן געבורטסטאָג פון מנחם בעגין האָט דער לאָנדאָנער „טיימס" (טראַדיציאָנעל נישט סימפּאַטיש צו ישראל בכלל און צו בעגינען בפרט) געבראַכט אַן אויספירלעכן און אָביעקטיוון אַנאַליז פון דער געענדערטער לאַגע אינעם מיטעלן מזרח אין רעזולטאַט פון בעגינס פּאָליטישע האַנדלונגען — איינשליסלעך די לבנון־מלחמה.

דער „טיימס" קומט צום אויספיר: „אַלץ צוזאַמענגענומען — האָט מיסטער בעגין צום 70־טן געבורטסטאָג אַ גרונט פאַר צופרידנקייט"... „זיינע פּאָליטישע האַנדלונגען האָבן פּראָוואָצירט שפּאַנונגען אין דער ישראלדיקער געזעלשאַפט און אָנגעשטרענגט די עקאָנאָמיע, אָבער ער האָלט די סטראַטעגישע איניציאַטיוו קעגן די אַראַבישע שכנים און די ווייסן דאָס". „דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעך גוטע סיטואַציע פאַר ישראל און אַ נישט באַקוועמע פאַר די אַראַבער".

פּראָפ. משה שרון (ספּעציאַליסט אין איסלאַמישער געשיכטע, ירושלימער אוניווערסיטעט) האָט קאָמענטירט דעם „טיימס" אַרטיקל: „ווער וואָלט געחלומט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, אַז דער לאָנדאָנער „טיימס" וועט פאַרעפנטלעכן אַן אַרטיקל צום 70־טן געבורטסטאָג פון מנחם בעגין, אין וועלכן די פּ.ל.אָ. ווערט באַצייכנט אַלס אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס רעפּרעזענטירט נישט פּאַלעסטינער מלוכהשאַפט (סטייטהוד) און איז נישט מער, ווי אַ קאָלעקציע פון פּריוואַטע אַרמייען אָן דיסציפּלין און צעריסן אַלס רעזולטאַט פון דער מפּלה אין לבנון?"

עס ווערט באַהויפּטעט אַז בעגין האָט פאַר זיך געשטעלט אַ לעבנסציל אַריינצוגיין אין דער ייִדישער געשיכטע אַלס דער, וואָס האָט פעסטגעשטעלט די גרענעצן פון מדינת ישראל.

ראַביי אַרטור הערצבערג (געשיכטע פּראָפעסאָר, קאָלומביא אוניווערסיטעט און געווו. פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס) שרייבט אין דער זומער אויסגאַבע 1983 פון „פאָרעין אַפעירס", אַז די ישובים אין יהודה און שומרון האָבן געשאַפן אַ ווענדונג פון אַ היסטאָרישן פאַרנעם, כמעט ווי דאָס שאַפן פון מדינת ישראל אין 1948.

„דער דעמאָגראַפישער אַרגומענט איז וואַרשיינלעך ניט אמת. די עמיגראַציע פון אַראַבער איז היינט גרויס און איז געווען גרויס אין די צייטן ווען ירדן האָט אָקופּירט די געביטן" „די אינטעליגענץ און די פּראָפעסיאָנאַלן עמיגרירן שנעל".

„יהודה און שומרון קאָנען מער נישט אָפּגעטיילט ווערן פון ישראל".

אמת — דער מערך איז פאַר אַ טעריטאָריאַלן קאָמפּראָמיס אין דער גדה, אָבער עס זענען נישטאָ אַפילו צווישן די מעסיקסטע אַראַבישע פאַקטאָרן אַזעלכע, וואָס זאָלן איינגיין אויף אַזאַ קאָמפּראָמיס.

ווי גאָלדע מאיר האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: „צו וועמען זאָל איך צוריקגעבן דעם מערב טייל פון ירדן"? „זאָל איך איינפּאַקן די טעריטאָריע, אַרומבינדן זי מיט אַ ראָזן באַנד און אַוועקשיקן צו אַן אַראַבישן פּאָסטאַמט מיט אַן אַדרעס „צו דעם, וואָס איז אינטערעסירט"?

דער אונטערשייד צווישן דעם מערך און ליכוד וואָס שייך דער גדה איז, אַז דער ליכוד שטיצט זיך אויף דער היסטאָריש־מיסטישער באַזע פון ארץ ישראל (די גרונט־אונטערלאַגע פון ציוניזם), בעת די פּאָזיציע פון מערך איז באַזירט אויף זיכערקייטס פּרינציפּן.

ביז צו די נייע וואַלן וועלן די אינטעסיציעס און דער צוּוואוקס פון דער באַפעלקערונג זיך פון אַזאַ פאַרנעם, אַז די פאַרשידענע אַרגומענטאַציעס צווישן ליכוד און מערך וועלן פאַרלירן אַפילו דעם טעאָרעטישן ווערט.

ראַביי הערצבערג באַמערקט, אַז די בעגין פּאָליטיק איז פּאָפּולער אַפילו ביי ווייטע קרייזן אויסערהאַלב דעם

---

אין דעם דאָזיקן פּאָליטיש־מיליטערישן געראַנגל בלייבט דער פּשוטער בירגער — אָן אונטערשייד ווי ער זאָל נישט האַנדלען — פּאַסיוו אָדער אַקטיוו — נישט מער ווי אַ באַאָבאַכטער.

און אַז ער שטייט אויף איינדערפרי, און די וועלט איז נאָך אַלץ וועלט — איז ער צופרידן פעסטצושטעלן:

די וועלט דרייט זיך פאָרט...

מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria 3185, Australia

נאָוועמבער־דעצעמבער 1983 | נומער 5 (39) | מעלבורן, אויסטראַליע


# די וועלט דרייט זיך פּאָרט...

באַוואָפענונג? אַנטוואָפענונג? שרעק — ווי אַ פאַרהיטונגס־מיטל? בעסער צו זיין אַ לעבעדיקער האָז — ווי אַ טויטער לייב?

דעמאָנסטרירן — מיט וועמען? קעגן וועמען?

וועלן זיי דורכקומען און אָפּשטעלן דעם באַוואָפענונגס־געיעג? וועלן זיי סוף־כל־סוף אונטערשרייבן אַן אָפּמאַך?

דאָס זענען געדאַנקען וועלכע מאַטערן דעם פּשוטן בירגער פון יעדן לאַנד, אין שלאָפלאָזע נעכט, ווען ער נעמט מאַכן אַ שטיקל סך־הכל פון דער וועלט און פון זיין לעבן אין דער וועלט; די צוקונפט פון די דורות, וועלכע ער האָט געבראַכט אין דער וועלט, און פאַר וועלכע ער פילט זיך מאָראַליש פאַרפליכטעט: האָט ער געהאַט אַ רעכט צו ברענגען אַ דור אויף דער וועלט — אָן אָפּגעבן זיך אַ חשבון, צי די וועלט וועט האָבן אַ קיום?

שרעק איז אַ צייטווייליקע רפואה. מורא פאַר אַ וועלט־אונטערגאַנג קאָן צייטווייליק אָפּהאַלטן אַ קאָנפליקט, וואָס נעמט רייף ווערן, ממש אויף אונדזערע אויגן. עס זעט טאַקע אויס ווי אַן אומשולדיק בלאָטערל, אָבער עס קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ גאַנגרענע, וועלכע וועט סוף־כל־סוף פאַרלאַנגען אַן אַריינמישונג פון כירורגישן מעסער.

אַלע פּראָגנאָזן פון וויסנשאַפטלער, פּאָליטיקער און מיליטערישע עקספּערטן פאַרזיכערן אונדז, אַז די אָפּעראַציע קען אַמאָל זיך איינגעבן, אָבער דער פּאַציענט וועט אומבאַדינגט שטאַרבן.

די ראַקעטן, וועלכע וועלן בקרוב אויפגעשטעלט ווערן אין אייראָפּע (פּערשינג 2) ציען צו די אויפמערקזאַמקייט פון דער עפנטלעכער מיינונג. (ווייל די עפנטלעכע מיינונג געפינט זיך אונטער דער כסדרדיקער באָמבאַרדירונג פון אַלע קאַנאַלן וואָס די מעדיאַ פאַרמאָגט: טעלעוויזיע, ראַדיאָ, פּרעסע).

די מעדיאַ שטעלט אָבער אין שאָטן די געשעענישן, וועלכע נעמען אויפקומען אין מיטעלן מזרח. צי דאָס איז דער מערדערלעכער אָנפאַל אויף די שלום־אָפּהיטנדיקע כוחות אין לבנון, אָדער די דראָאונג צו בלאָקירן די וואַסער־וועגן, דורך וועלכע דאָס נאַפט ווערט געליפערט פאַר דער וועלט־אינדוסטריע. אויב די מעדיאַ ווייזט אָן אויף די פונקטן, איז עס נישט מער ווי אָפּגעריסענע עפּיזאָדן. זי מיידט אויס דעם געדאַנק, אַז צווישן די אַלע געשעענישן זענען דאָ אַ פאַרבינדונגס־שטריך; עפּעס געמיינזאַמעס.

דאָס, וואָס די טעלעוויזיע קאָן אונדז נישט ווייזן, איז דאָס בילד פון דעם, וואָס אַ שטייגער קומט פאָר הינטער די קוליסן; ווער טרענירט און באַוואָפנט די אַלע קעמפנדיקע צדדים אין לבנון, איראַק, סיריע, איראַן, און די אַלע פריש־געבאַקענע „רעוואָלוציאָנערע כוחות" פון אַזיע, אַפריקע און דרום־אַמעריקע.

געוועהר איז געוואָרן דער אינסטרומענט, וועלכער ווערט צוגעשטעלט אויף קרעדיט, אויף אַן אידעאָלאָגישער באַזע מיט דער פאַרפליכטונג צו באַצאָלן שפּעטער.

נישטאָ מער קיין אידייאישער מיינונגס־אויסטויש וועגן פּאָליטישע, אָדער ווירטשאַפטלעכע סיסטעמען.

פון דערפאַרונג ווייסן מיר: קאָמוניזם קאָן נישט געווינען מיט לאָגיק, מיט באַווייזן אַז ער האָט שוין ערגעץ ווו אויפגעבויט אַ יושרדיקע געזעלשאַפט. דעריבער מוז דער קאָמוניזם אָנקומען צו אַן אַרגומענט, וועלכן אַלע פאַרשטייען אומצווייפלדייטיק: דער טאַנק און האַרמאַט.

ווי דאַרף דער פּשוטער בירגער האַנדלען? וואָס קאָן ער באַשליסן? ער פילט, אַז הינטער די שענסטע לאָזונגען באַהאַלטן זיך אומריינע כוונות. טאָ וועמען זאָל ער אָנטרויען זיין צוקונפט?

✶

פון די פאַרכאַפּנדיקע געשעענישן, וועלכע אַנטוויקלען זיך מיט אַ גאַלאָפּירנדיקער שנעלקייט אין מיטעלן מזרח, קאָן מען דאָך אַרויסציען איין מסקנא, וואָס איז סטאַביל:

ישראל האָט זיך יאָרן־לאַנג באַמיט איבערצייגן אַמעריקע, אַז זי דאַרף זיך באַטייליקן דירעקט אין מיטל־מזרח, ווי אַ דעציזירנדיקער כוח, ווייל דאָס איז אין איר אינטערעסן.

אַמעריקע האָט זיך יאָרן־לאַנג אַנטקעגנגעשטעלט.

דאָס פאַרשטעקן דעם קאָפּ אין זאַמד, כדי נישט צו זען די ווירקלעכקייט, האָט נישט געלייזט די אָנגעשטרענגטע לאַגע, וועלכע איז דראָענדיק פאַר אַמעריקאַנער אינטערעסן.

אַמעריקע האָט זיך אַרומגעזען, אַז פּראָבלעמען קאָן מען נישט לייזן מיט רעזאָלוציעס, נאָר מיט מעשים.

*With Compliments from*

**DEL MONTI SUITS**

***Makers of Fine Quality Men's Suits***

**Head Office 154 HIGH STREET, PRESTON 3072. TELEPHONE 44 0567**

DEL MONTI SUITS
200 Whitehorse Rd
Blackburn

DEL MONTI SUITS
1297 Nepean H'way
Cheltenham

DEL MONTI SUITS
8 Macrae Street
Dandenong



**M. RECHT ACCESSORIES PTY. LTD.**

*Tailors' Trimmings*

★

21 DERBY STREET
COLLINGWOOD
Phone 419 9411



**With compliments from**

**Dalkeith Productions Pty. Ltd.**

5 STEWART STREET
RICHMOND, VIC. 3121
Phone: 42 4163

*MORRIS GUTHRY*

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאלט:


מ. א. — די וועלט דרייט זיך פאַרט... 1

ד"ר מ. פערשטענדיק — אַנטוויקלונגען אין און אַרום ישראל 2

ד"ר עזריאל נאַקס — וואָס פאַר אַ רעליגיע איז דער איסלאַם? 6

י. קאַפּע — נאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם אָדער אינדיווידואַליזם? 8

הערשל באַכראַך — די העלדישקייט פון די יינגלעך־שמוגלערס 10

י. מ. לעווין — דער בלינדער בעטלער און דעם נגידס טאָכטער (באַלאַדע) 12

מ. אייזענבוד — דער דיכטער מאַכט אויף די טיר — צו זיך 13

א. זילבער — ווער באַדאַרף זיי? 15

נ. אַרטענשטיין — דער נאַרטן־באַטאַליאָן (זכרונות) 16

מאַרק בעזוכני — דער פּאַרמעסט (דערציילונג) 18

ל. אָלשינאַ — אַ מאַקאַברישע דערציילונג 20

ש. בענעט — לאָקאַלע קאָמענטאַרן 21

ג. ביאַלילעוו — גרין בלויע שטילקייט (ליד) 22


פרייז פון נומער $1.50


אַרויסגעגעבן דורך דער „כדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 5 (39) נאָוועמבער־דעצעמבער 1983